הרב דביכנ״ס ווינא: איך זאג אייך איין זאך, איך האב היינט גערעדט מיט צוויי פון מנקרים, איך וויל נישט זאגן די נעמען, און זיי האבן אלע פון דעם געוואוסט, איך ברויך נישט צו הערן, איך האב זיי געפרעייגט, סיגעט מפסיקו — ווינא ממשיך זאג מיר ווי אזוי ביסטו מנקר, איך האב יא גוט פארשטאנען, מען האט זיי געוויסט פינקטליך צו זאגען דארט ביים טבור דאס ברויך מען צושניידן בלייבט (סיגעט יא יא), דאס איז געטאן מענדל בערגער האט געוואוס דערפון צו זאגען (און ר׳ יושע גאלדבערגער) און האט געזאגט, מ׳האמיר גערעט אויך דער טרפש ביים כוליא בלייבט עפעס איבער... ניין עס קען גארנישט זיין ווייל עס איז נאך קיינמאל נישט אריינגעקומען צו ווינשטאק׳ן פון גרויס... ווערט דאס אריין דאס גייט צו זאגט ער הרב לייטענער ניין דאס טוט מען נישט, איהר זאלט מיר מוחל זיין מען האט אזוי געזעגט עס קומט יא אריין נאר ער שניידט עס אוועק. איהר זאלט מוחל זיין, ווינא ניין ער האט געזאגט ביי זיי קומע נישט אריין (מדברים). הרב לייטנער ביי ווינשטאק קומט זיכער... הונדערט פראצאנט, גוט איהר וועט זיך מפלפל זיין אויף א מציאות, עס איז געווען דייקא (מדברים), שוין גוט איך זאג דאך איהר זענט, אודאי רובא דרובא נישט, איך וויל נאר זאגן אז האט געקענט פאסירן ווער עס ווייס נישט (ווייך?)

ממשיך ווינער רב וויל אויף דעם מפלפל זיין אז יעדער ווייס (יו״ר באבא״ד?) ממשיך יא נו איז געווען אזעלכע וואס האבען נישט געוואוסט.

איז געווען אזעלכע, וואס האבן נישט געוואוסט, און דער עיקר איז אינטערעסאנט טאקע, דאס וואס מען האט פריהערט גערעדט — איך ווייס נישט ווי אזוי זיי רופן דאס, דייקא, ווייס איך נאך נישט פונקטלעך — דאס הייסט דאס גראבע טענדערלין, — הייסט דאס דא הי' — טאקע דאס וואס מען האט דערמאנט פריער און דארט צום סוף איז אמאל צוגעשעפעט אשטיקל חֵלב, דאס איז טאקע יא חלב דאורייתא לכל הדיעות, און אפלא אין ״גבעת פנחס״ ווערט דאס נישט דערמאנט, איך ווייס נישט, צו אין אונגארן איז דער סדר געווען אז מען האט נישט גענוצט דאס שטיקל פלייש, למעשה האט עס דער ״גבעת פנחס״ נישט דערמאנט, האלט איך אז דאס איז אפשר די סיבה, וואס האט זיך געטראפן, אזעלכע וואס זיי ווייסן נישט פון דעם אין דעם בין איך דאס תולה, ווייל געווענדלאך אונזערע מנקרים האבן געלערנט דאס ספר, איך מיין ער זאגט נישט אז מען מעג דאס יא, ער רעדט עפעס נישט פון דעם חלק דאס איז איין זאך[24].

און נאך דעם ביים כבד, האט זאך אויך געטראפן אזעלכע, אויך די זעלבע מעשה. אין ״גבעת פנחס״ ווערט עפעס נישט דערמאנט, אז אין כבד דארף מען אראפנעמען חלב, האט זיך אויך געטראפן אזעלכע וואס זיי האבן זיך אויף דעם נישט געכאפט, שוין נו האט מען, געקלערט עס איז געווען, פארן זומער, האט מען געקלערט מען וועט זוכן עפעס א עצה, ס׳איז דאך נאר יחידים די וואס מען האט געטראפן, האט מען דאך געזאגט, מען קען דאך נישט קיין זאך, ארבים׳דיקע זאך, אין איין טאג ערליידיגן, מען האט גערעדט דערפון — איך זאג דאך, נאך איידער די אלע צעטלאך אין די גאסן — מען האט אפגעשמועסט אז ווי־פריהערט מעגליך וועט מען זעהן עפעס צוטאן[25].

אעפי״כ, אזוי, איך זאג דאך נאר מיין מיינונג, אן אנדערער קען זאגן, יעדערער קען זאגן זיין מיינונג, איך בין לכאורה געווען מיט׳ן גאנצען... צו.... איבער געצייגט,: אז דאס וואס מען שרייט דארט אין ירושלים, איז בכלל דער ״סדר הניקור״ — איך זאג דאך דאס — דאס וואס עפעס א מנקר, טרעפט א שגיאה דאס איז דאך א צווייטע זאך, פארדעם קען דאך קיינער נישט נעמען קיין אחריות, אבער אז בדרך כלל; דער סדה״י איז נישט גוט, האב איך געהאלטן אז דאס האט נישט קיין מקור[26]. אעפי״כ עס האט זאך געמאכט, איך האב געדארפט דעם זומער פארן קין א״יהאב איך מיך מיישב געווען, איך וועל הערן די פאר מנקרים, די וואס זיי שרייבן זיך יא אונטער אויפ׳ן צעטל.

אז רב זלמן בריזל זאגט דאך קלאר ער קען נישט קיין ניקור, מיט איהם האב איך דאך נישט געהאט וואס צורעדן, ווייטער דאס וועל איך יא זאגן דערווייל דער איידים זיינער, דער רב הערש ער איז דאך יא א איד א תלמיד חכם, ער האט

זיך דערוויל צוגעלערנט, און ער האט געלאכט דעם שווער אין די אויגן אריין. ס'הויבט זאך נישט אן און עס לאזט זיך נישט אויס. צום סוף, ער בעט זיך ביי מיר, ער זאגט אז רבי יהושע לייב האט דאך אזוי איינגעפיהרט, ער בעט מיך למען ה', איך זאל זען דא אזוי איינפיהרן. שוין נישט קיין נפקא מינה. נו, אבער די מנקרים, דער רב גד טורביץ, איז דאך א מנקר ביי די עדה החרדית א אלטער איד לאורך ימים, און עפעס דארט א איד רב ברוך מייזליש, זאגט ער, ער וואוינט דייקא אין פתח תקוה, אבער אויך א ירושליימער איד, האב איך געקלערט, יענער שרייט געוואלט, קודם לאמיר הערן וואס ער זאגט. בקיצור מיט רב ברוכ'ן האב איך גערעדט אין פתח־תקוה, איך בין דערעקט אראפגעפארן צו איהם, ער האט מיר געזאגט הסברים פארוואס מען נעמט דאס אוועק. א כלל, איך האב מיך מפלפל געווען מיט איהם שוין נישט קיין נפקא מיניה ער האט זיך געהאלטן ביי זיינס. איך האב מיך געהאלטן ביי מיינס, איך מעג דאך מחולק זיין נאך אויף רב ברוך מייזליש, ער האט געזאגט אז דאס איז אזוי. ער האט מיר געוואלט ווייזן דארט אין "זבח שמואל", אז דארט שטייט אזוי. דארט שטייט נישט אזוי. א כלל. וואס זאל איך דיר טאן, איך לערין אנדערש פשט דארטן, וואס האב איך געקענט טאן מיט איהם, איך מיין למעשה איבערגעוויזן ערגעטץ זאל דאס שטיין פון חוץ איסור דם, מיך האט ער נישט געקענט איבערציייגן, איך זאג נישט אז איך בין גערעכט, איך קען דאך נאר זאגן וויא אזוי איך פארשטיי[27].

נאך דעם האב איך געוואלט רעדין מיט רב גד טוראביץ. אוודאי ווייסט איהר שוין וואס די מעשה שהיה וואס עס איז געווען, למעשה האט ער זיך נישט געוואלט טרעפן מיט מיר — נו וואס זאל איך טאהן — ער וויל נישט וויל ער נישט... (קול רעש מכל הצדדים שאין איש שומע)[28] (אפשר להבין כאן כמה ת' ואולי יותר טוב להשמט?).

בקיצור, איז דאך אזוי איך בין אהיים געקומען פון ארץ ישראל און איך האב געוואסט אז די פאר פראבלעמען איז דא, מען האט געוואוסט פון דעם. אבער עכ"פ ס'איז דאך נישט קיין זאך וואס ער ברענט אזוי. מען זאגט אז דער סדר איז עכ"פ לויט אסאך שיטות אויסגעהאלטן, גוט אז מען וויל איינפיהרן חומרות צו וואויל מען וויל יוצא זיין לכל הדיעות, זעהר גוט האט דאך צייט נאך יום־טוב. גוט מען האט דייקא אפגעשמועסט אז גלייך נאך יו"ט זאל מען זיך אוועק זעצן[29].

און דעם האט מען אויך געזען, אז מחמת דעם וואס ס'איז נישט דא קיין קבלה פאר די מנקרים, קען זיין געוויסע מנקרים וואס געוויסע זאכן, אפשר ווייסן זיי נישט, נו איז דאך אויך נישט קיין זאך וואס מען דארף שוין גיין תיכף שרייען אז ס'איז עק־וועלט[30] מתוך מתון, מען האט געהאט א פלאן, מען האט גערעדט מיט'ן נשיא כמה פעמים תיכף נאך יו"ט וועט מען זיך אוועק זעצן[31]

אזוי־וויא איך קום אהיים און איך האב גארנישט געזאגט. ביי מיר מיילא וואס איך פריוואט טו. דאס איז דאך קיינעמ׳ס עסק נישט. ביי מיר אין די ישיבה האט מען ווייטער גענוצט פלייש. האט מען דאך געוואוסט איך בין אהיים געקומען. איך האב זיך נאכגעפרעגט. איז דאך נתרפסם געווארן איז דאך א סימן אז איך האלט אז מען עסט נישט קיין חָלב. בקיצור האט מען מיך אנגערופן אויפ׳ן טעלעפאן איין מאל און צוויי מאל און דריי מאל. יא. נאך אזאך וויל איך צולייגן. מ׳סתם ווייסט מען דאך אויך שוין, פון ירושלייעמער בי״ד. איז דאך דא א ברִיעף, אז דער רב זלמן ברִיזל איז א ערליכער איד און רב גד טוראבי׳ץ איז א גוטער מנקר. אויף דעם ארויף האט מען זיך פאררופן. איז דאך טייטש אז דער ירושלימער בי״ד זאגט, אז דער רב זלמן בריזל שרייעט אז מען עסט חלב. און דער ירושלימער בי״ד שרייבט אז ער איז א ערליכער איד — נו. איז דאך א סימן אין אמעריקע עסט מען חלב[32].

איך בין געגאנגען צום בי״ד. איך האב זיי געפרעגט וואס זאגט־עטץ. בקיצור די אלע רבנים געזאגט — איך האב גערעדט מיט... זיי קען איך נישט דעם האב איך גערעדט מיטן גאנצן בי״ד. איך האב גערעדט מיט׳ן ראב״ד רב משה ארי׳ ער זאל זיין געזונט, און מיט רב ישראל משה׳ן פרעג איך די אידן וואס זאגט־עטץ וועגן ניקור. בקיצור די אידן זאגען זיי קענען נישט קיין ניקור. נו עט׳ץ זאגט איך קען נישט וואס האט עטץ געטאן, זאגן זיי רב זלמן בריזל האט געמאכט א כולל, דארט ווי יונגעלייט לערנען ניקור. האט מען געשריבען אזא בריעף. אז ער איז א ערליכער איד, און דער גד טורבי׳ץ איז א גוטער מנקר. ווייז איך זיי, דא אין אמעריקע האט מען גענומען דעם בריעף, און צוזאם געשטעלט דער רב זלמן בריזל שרייט געוואלד מען עסט חֵלב. הגם איך ווייז א מכתב וואס איז נכתב להרבנים הגאונים בארצות־הברית, איך ווייס דאך נישט ווער די רבנים הגאונים זענען — איך מיין די וואס האבן באקומען א בריעף פון רב זלמן בריזל, בידיעתי נישט — שוין, און דער רב גד טורבי׳ץ שרייט אז געוואלט מ׳טוהט נישט ווי אין אר״י עסט מען חלב דאורייתא. נאך דעם שטעלט מען צו א בריעף פון בי״ד אז די אלע זענען ערליכע אידן, און מען שטעלט דאס אלעס צוזאם. קומט דאך אויס א אינטרעסאנטע זאך. נו. זעט וויא דער בריעף איז צאם געשטעלט... (קריאות בלתי ברורים)[33].

אויף דעם ארויף. איז דאך נולד געווארן דער בריעף אין התאחדותנו, אז זיי האבן געזאגט אז זיי קענען נישט קיין ניקור, זיי זאגן נישט קיין מיינונג אויפ׳ן ניקור, שוין דייקא דער שטראסבורגער האט זיך געקשנת אז דאס זאל מען יא אריין שטעלן אז ער האלט אז אין גרויסווארדיין האט מען נישט גענוצט דאס פלייש נאכ׳ן צלע י״ב. ער האלט אז מען זאל יא שניידן גראד מיט׳ן צלע י״ב. נו, ער מעג דאך זאגן זיין מיינונג.

שוין. בקיצור אזוי ווי איך בין אהיים געקומען (אחד נכנס לתוך דבריו ולא ברור לנו מי) איך זאג דאך וואס ער האט געזאגט איהר קענט זאך מפלפל זיין מיט איהם אזוי האט ער געזאגט[34].

בקיצור, איך בין אהיין געקומען — נו — דעם בריעף האט מען געדרוקט, ביי מיר אין ישיבה האט מען ווייטער געגעסן פלייש. הגם געזאגט האב איך, אז געבען קיין השגחה אויף קיין פלייש גיב איך נישט. אבער אזוי וויא איך האב מיך איבערגעצייגט אז דער סדר איז דא פארלאזט מען זיך אויף די רבנים המשגיחים, וואס קען איך טאן. פארשטייט זיך אליין אז קיינער וועט דאך נישט פון מיר פארלאנגען אז איך זאל עדות זאגן צו אין דעם געשעפט צו אין יענעם איז גוט, אבער געווענטלאך אז דער סדר איז גוט. און די רבנים המשגיחים זאגן אז ס'איז כשר קען מען זאך דאך פארלאזן[35].

האב איך אנגעהויבן באקומען טעלעפאן קאלס, נישט איינס נישט צוויי, ד'אכט זאך מיר ס'איז דא אזעלכע פון דער וואס זיי זיצן דא וואס זיי ווייסן אפילו דערפון — היתכן איך שווייג שטיהל — זאג איך איך קען דאך נישט זיין, איך פארשטיי אזוי, אז מען מוז נישט טאן אזוי וויא אין ירושלים. און אז מען טוהט נישט אזוי איז נישט געפערלאך. האלטסט אנדערש האלט אנדערש, איך האלט אזוי[36].

בקיצור, הייבט מיך אן צורופען, מען האט געטראפן דאס פלייש וואס היינגט אויפ'ן היינגערל. דארטן אויפן טענדערליין, מען האט געטראפן דאס האט געטראפן יענטץ[37].

זאג איך הער צו אהובי ידידי, איך ווייס נישט וואס דו האסט געטראפן איך בין דאך נישט קיין בעל אחראי אויף דעם, וואס מען טרעפט, נאר איך בעט דיך זייער, ס'זאל קומען א מענטש מיט א נאמען מיט אן אדרעסס, מיטן און ער וועט מיר ברענגען דאס שטיקעל פלייש און זאגן, ער האט דאס געקויפט, דא און דא, בין איך גרייט צוגיין צום הרב המכשיר, צו וויא איך וועל האלטן פארנייטיג צו גיין, און איך וועל טאן דערין, איך קען דאך נישט זאגן אויף א טעלפאן און זאגען וואס ס'גייט פאר. קום און ווייז מיך העמיר זען וואס מען האט צוטאן, געקומען צו מיר איז מען עד היום נישט[38].

דייקא, צופעליג זאגן למען האמת, איצט פריער איז דא געווען א איד איך קען איהם פון קאנטרי, אליטווישער איד די זאך קען זיין איך מיין איך זאג נישט אז ס'איז נישט... א איד א בן תורה, ער האט געברייינגט פון בארא-פארק פון אבוטשערסטאר. א שטיק גראבן טענדערלין — עס מוז נישט זיין קיין?... — יא דארט צום סוף איז געווען צוגעלאזט א שטיקל פון דעם חלב הכליות, ס'איז אמת ס'קען זיין איך זאג נישט אז נישט[39].

רבותי, איך וועל אייך זאגן אשענערע זאך, איך מיין ס'איז נישט קיין זאך וואס מען דארף מפרסם זיין. איך בין געווען אין א שטאט נישט דא הי דייקא,

אונטערוועגנס האב איך שוין אפגעשטיגן איבעראל, דארט א מנקר וואס איז מנקר דארט שוין פופצען יאר. איך בין מיך סתם געגאנגען. איך בין נישט געגאנגען קוקן דארט. ס'איז מיר נישט אינטרעסאנט געווען, סתם איך טוה דערין האב איך געוואלט הערן וואס דער זאגט וואס יענער זאגט, וויא אזוי מען טוהט דארטן — ווייז מיר א גראבן טענדערליין — האט ער אויך געוואוסט אז דארטן איז דא חלב. דארט צום גוף. מ'נעמט עס אראפ, אבער למעשה האט ער כשעורה איבערגעלאזט, עס איז געווען צווי שעורות אויך. זאג איך איהם, אהובי ידידי וואס טוהסטו דאס, האט ער עס אראפגענומען. נו ס'איז דאך א פשוטער חשבון, דארטן האבן זיך די רבנים אויך געהיצט, א בעל מלאכה אז ער טוהט אזאך טאג איין טאג אויס, ווען ער האט נישט אויף זיך קיין מורא בשר ודם, קען פאסירן.

איך זאג נישט ס'קען נישט פאסירן, למעשה בין איך נישט געגאנגען דארט אין דער שטאט קלעפן קיין פלאקאטן, נאר איך האב מודיע געווען דארטן די רבנים פון דער שטאט, רבותי, אזוי און אזוי, זייט מוחל קוקט ענק בעססער אום[40].

זאג איך דאך, איצט פריער איז דא געווען א איד ער האט געוויזן א שטיקל פלייש, ער האט געפרעגט צו ער זאל אריין ברענגען דאס שטיקל פלייט, דאס איז נישט אינטרעסאנט, זאג איך, ווייל מען גייט דאך ממילא דאס רעדין — עס קען זיין — איך קען דאך נישט נעמען קיין אחריות אויף דעם — אין באראָ־פארק איז דא, איך ווייס וויפיהל בוטשערס, צו איימיצער לאזט נישט איבער א שטיקל חלב, וואס קען איך אויף דעם זאגן. ס'קען זיין, א זאך וואס ס'איז נישטא קיין השגחה קען זיין, אז יענער ווייס נישט אזאך און אפילו אז ער ווייסט יא, וויבאלד עס איז נישט געווען קיין השגחה, און ער ווייסט עס אז מען קוקט איהם נישט נאך, קען פאסירן, אין הכי נמי. אויף דעם זיצט מען דאך און דאס טראכט מען. רבותי אכלל דאס איז בקיצור[41].

און למעשה, וויא אזוי איך זעה עס איין, איז קודם איז דא אפראבלעם וועגן סדר הניקור, אוועקשטעלן צו מען זאל זיך האלטן פונקטליך ביי דעם מנהג וואס מען האט זיך נוהג געווען אין געוויסע מקומות, וואס איך זאג דאך אז אוודאי האט דאס א מקור אין די פוסקים לקולא, צו מען וויל דאך אן נעמען א געוויסע חומרות. ווייל מ'וואוינט צוזאמען מיט אזעלכע אידן וואס זענען נוהג חומרות. ס'איז אפשר א שאלה אין די הלכה אויך, אז יענער האט א ממקום שיצא משם. איך זאג נישט איך וויל גארנישט פסקענען, איך זאג נאר וואס איז די שאלה. עכ"פ וויבאלד מען וואוינט דאך צוזאמען מיט אידן פון אזעלכע מקומות וואס מען האט זיך דארט נוהג חומרא געווען, צו מען קען איהם פארקויפן דאס פלייש. סתם המון עם ווייסט דאך נישט אז מען זאגט איהם כשר, ווייסט ער דאך אז ס'איז כשר. צו מען דארף צו דעם עפעס טאן צו וועגען ירושלימער ניקור. הגם איך זאג דאך מען האט עס אין ערגעטץ נישט געטאן, איז דא וואס זיי טענה'ן, וויבאלד עס קומען ירושלימער אידן אויך. הגם געזאגט האב איך דארטן

רב זלמן בריזל, זאל דער ירושלימער בי״ד פאר זיי פסקענען, צו מעג ער דא עסן צו נישט[42].

ס׳איז דא א צווייטע שאלה, איך זאג דאך וואס די שאלה וואס איז, נאכדעם איז די שאלה וואס מען טוהט וועגן דעם. וואס איך מיין, איך זאג דאך דאס לדעתי בלי שום ספק, אז ס׳איז דא במרחקי פון די שטאט געוויסע וואס זענען עוסק אין ניקור, איך מיין נישט חלילה מנקרים נישט די קצבים וואס זיי ווייסן נישט געוויסע זאכן — ס׳איז דא — לכאורה אויף דעם וואלט געווען א עצה מען זאל יעדן פארהערן, און געבן קבלות, און נאכדעם אזוי ווייט עד מקום שידו מגעת, מ׳קען דאס פארהיטען, אז דאס וואט מען ווייסט יא שוין זאל נישט געשעהן קיין איסור... לדעתי איז דאס דער פראבלעם, נו זאל יעדער אנרופען וואס[43].

נירבאטור שואל:

איין פראגע וויל איך פרעגן דער ווינער רב האט שוין באמערקט צו ס׳איז דא, דא הי׳ דא מקומות מען זאל קענען איבערצייגן, אז מען האט גענומען די צלע י״ב י״ג אנדערשט וויא דער חת״ס פסקנ׳ת, קומט אהער א רב, א בריעף פון א רב און הייבט אן א גאנצע מגילה פארצושרייבן, וואס מען האט צו טאן, די ערשטע הייבט ער אן ביי צלע י״ב וי״ג, קודם קען מען דאך נישט אוועק מאכן מיט די תשובה ס״ח — זייט מיר מוחל לאסט מיך אויסרעדין, קודם קען מען דאך נישט אוועק־מאכן די תשובה ס״ח פון דעם חת״ס[44], און נאך דעם זאג איך עדות בתורת עדות, אם לא יגיד, אין נאמען פונעם רעבי׳ן זי״ע, אז איך האב געפרעגט דעם רעבי׳ן מיט 25 אדער 30 יאהר צוריק, וויא אזוי איך זאך מיך נוהג זיין, האט דער רבי מיר געהייסין טאהן אזוי וויא אנדערע גדולים האבן געטאן און גאנטץ עסטרייך אונגארן, און אין גאנטץ אונזערע מדינות, מען זאל נישט משנה זיין גארנישט, איז ווער קען זיך נעמען די העזה און משנה זיין. מען זאל אנדערש טאן וויא דער רבי זי״ע האט געהייסן. און דעסטורייגען איהם דער רוב רבנים מסכים זיין אז מ׳זאל יא משנה זיין פון דעם, שליעס איך מיך איין צו דעם רוב רבנים, און זאג נישט אז נישט, אבער איך ווייס איין זאך, אז דער רבי זי״ע האט מיר גענעבן א כמעט א פקודה, אז איך זאל אזוי טאן, און עס איז נאך דא אבוטשער, סענדער ענגעל, פאר איהם האט ער אויך אזוי געזאגט, איצט פרעג איך פארוואס זאל מען איבער דעם נאך פארהאנדלען אפילו, די איבעריגע זאכן קען מען שמועסין... (מדברים ולא ברור), איז מען אריין געגאנגען צום רעבי׳ן זי״ע איך ווייס אז צלע י״ב און י״ג האט מען מנקר געווען[45].

רב דביכנ״ס ווינא:

יעצט הערט אויך דער פאפער רב האט געזאגט, אז ער וועט גלייך דא זיין, דאס איז מער ווי אלעס, ווען דער סאטמערע רב זצ״ל איז געקומען אויף סאטמאר באזעצן דאס רבנות, האט ער צוזאם גערופן דאס בי״ד, און ער האט

געוואלט אז מען זאל דעם צלע י״ב נישט נוטצען... האט זיך רבי אברהם חנוך, און נאך איינער פון בי״ד אויפגעשטיילט קרן לדוד און דער חת״ס, דעם אנדערן טאג האט ער נאך אמאל צוזאמען גערופן און ער האט געזאגט, אז דער חת״ס שרייבט אזוי טרוי איך מיך נישט משנה צו זיין[46].

נירבאטער מפסיקו:

דער מאדער רב סי׳ ל׳ אין יור״ד זאגט, במקומות שונות האט מען אזוי געטאן, איז דער מאדער רב מעיד, אז מען האט אין אונדזערע מקומות יור״ד גוט געלערנט[47].

ווינא, ממשיך:

נישט וועגן דעם, ס׳איז דאך אזוי דער פשט, ס׳איז נישט, ווייל מארגן וועט דאך יעדער מאן־דהו. איך וויל דא זאגן יעצט, דאס זאל זאגן ווער עס וויל, ס׳איז געסטערן געוועזין ביי אגרויסן ת״ח א מורה הוראה בישראל, זענען געוועזן דריי יונגען, אריין געקומען זיי ווילען מיט איהם רעדין אין ניקור, האט ער זיי אן געקוקט האט ער געזען איינעם א א א (בביטול) פארשטייט זיך אז איהר וואלט נישט פון דיין שחיטה, פון דיין ניקור אויך נישט גענעסן, ער וויל מיט איהם מפלפל זיין ניקור, זאל ער דערציילן אז ער וויל, איך קען נישט זאגן ווער, ווער עס וואר. דער שפיעץ איז געוועזן, אז ער האט זיי געמוזט ארויסווארפן פון שטוב, זיי ווילען, זיי ווילען. און ווער דער מנקר איז ווייס איך פון וויא ער שטאמט און וואו ער איז יעצט אין דינסט, די אלע זאכן[48].

די שאלה איז, ס׳איז ליידער געווארן, רבותי ס׳איז נישט דאס דער ענין, דער ירושלמי זאגט, דער בארז׳אנער רב ברענגט דאס, דער סוף וועט נישט זיין דו וועטס זאגן אויף אסור מותר. דו וועטס נאך זאגן אויף מותר אסור אויך — יא, דער סעמיהייער רב ז״ל דעם לעצטן יאהר בעפאר ער איז נפטר געווארן, האט ער זיך כל נדרי אויף געשטעלט. ס׳איז א פלא, זאגט ער רבותי, א מענטש — זאגט ער — איך געה דאך שוין צו די זיבעציג, ממילא בין אדם למקום וויל איך תשובה טאן, אבער בין אדם לחבירו, מוז מען דאך מפייס זיין, איך בין דא שוין — זאגט ער — 25 אדער 28 יאהר רב, אפשר האב איך אמאל א עוף וואס ס׳איז עפ״י הלכה איז כשר, האב איך עס מטריף געוועזן, האב איך דאך פאר ענק שאדן געמאכט. בעט איך ענק אלע איהר זאלטץ מיר מוחל זיין... עס איז א מעשה. עס איז נישט דאס מען גייט עפאס, האט זיך דאך אויפגעהערט, מורא געהאט... עטץ גלויבט מיר, ס׳גייט מיר ניש אין דעם, איך בין נישט אזוי א מיקל, דער סאטמערער רב ז״ל האט מורא געהאט מחמיר צו זיין ווייל דער חת״ס, די גמרא זאגט דאך אפילו, ער האט מקפיד געוועזן אויף חסא, כיון שיצא מפומי׳ דרב. חאטש חזרת איז אין די משנה דער ערשטער[49]

איז דאך דער פשט אזוי, דאס איז נאך די אלטע מעשה, איהר ווייסט דאך מיט׳ן שטאפ מיט די גאנצע מעשה, עס פארדריסט מיך אז אונדז באפאס מיר זיך

גאר מיט׳ן צלע י״ב מען וויל מתקן זיין, וויא דער מאנטעווידעאייער רב, אז א מנקר זאל מוזן נעמען סמיכה ביי רבנים, אָה תבוא עליו ברכה, לא ירים איש את ידו ואת רגלו. דאס איז דאס דארפן מיר טאן בכל תוקף ועוז, און דארף מיר אין דעם וויא מ׳זאגט — אלע שטיין, איינער ווער עס איז, עס איז נישט קיין חילוק מ׳קוקט נישט, וויא עס איז א בוטשער־סטאר אן השגחה פון א רב, איז נישט דא וואס צורעדן, איז דאס פלייש אסור, פארוואס? וויא דער מאנטעווידייער טאמער בלייב א כשעורה אדער טאמער וועט ער נישט קענען, מען האט היינט געמאכט איך זאגן דעם אמת, איך האב היינט אליין געוועז אונז מוז מיר דאך זאגן אונז האבען מיר געמאכט תקנות איך האב געזאגט פאר אהרן וויינשטאק׳ן אז ער מוז 2 — 3 זאכן אזוי מנקר זיין, אז פון עס זאל קיין חלב נישט קענען ארויס, אנדערע זאך ער האט ג׳זאגט אז ער איז מקבל[50].

יו״ר: פארוואס קען מען נישט איין פיהרן אז די האלסעייל זאל מנקר זיין די גאנצע פלייש?

תשובה: יא ער זאגט, אז גידין און חוטין קען ער נישט ווייטער טוט זיא... אבער חלב ווער ער ראפנעמען דעם שבת[51].

נירבאטער: איך קען נאך־זאגן אין נאמען פון וויינשטאק ווייל ער האט געזאגט, ער וועט פוילען אין שלאכט־הויז, אז מען זאל פון דארט אויס עס לאזו אראפנעמען, אז ס׳זאל נישט קומען מער צום בוטשער, אין די הענט[52].

סיגוט מפסיקו: איין מינוט אנטשולדיגט... איך בין דאך געוועז מיט׳ן ווינער רב צוזאמען, מיט נאך אפאר רבנים, זענען מיר דעמאלטץ געוועז ביי וויינשטאק׳ן — דערווייל האבן מיר געמאכט אזויפיל תיקון, וואס ער האט זיך אונטערגענומען אז 4 וואכן — הווינער קורא: זעקס זעקס — זעקס וואכן, איך געדענק שוין נישט, יא דער ווינער רב האט ג׳פועל׳ת דארט, דארטן איז דא א מענעדז׳ער, און מנקר דער מענדל, הערטץ מיך אויס איך האב אזויפיל אויפגעטוהן אז פון דארט, אזוי קומט דאך די בהמות קומען גראד פון שלאכט־הויז, עס גייט אוועק צו איהם עס וועט אריינגעברענגט ביי איהם אין פלאטץ, פון דארט קומט יעדער בוטשער, וואס ער באשטעלט, ווער עס באשטעלט פלייש ממילא קען זיין[53].

ווינער: אום כשר געמאכט? (הרב מסיגעט ממשיך): אוודאי אזוי וויא זיי גייען די גאנטצע שטיקער, איז במילא דא א חשש טאמער דער[54]...

פארוואס? איך האב געפרעגט אהרנ׳ען, קען אזוינס זיין, זאגט ער עס קען זיין — אז דאס פלייש איז ווארעם און מען שניידט, מאכט זיך אמאל, אז דער גוי, אזוי איז ער אנגעזאגט, דער גוי ער שניידט, פון די צלע פון, פון די צלע י״ג אן, איז שוין א שווערע זאך, במילא קומט דער טבור, קומט דער גאנצער חלק אחוריים קען נישט אריין קומען, מאכט זיך אמאל א זאנס אז דער גוי שניידט נישט גוט, און ס׳קומט אריין, און ס׳קומט אריין ביי איהם... פארשטייט זאך

דאך, איז דא דער משגיח, זעהט ער אז ס'איז פארשניטען נעמט ער עס אראפ, קומט אריין צום אבעטשער — אזוי וויא דער מאנטעוווידייער רב האט געזאגט און ווידער איז נישט קיין בקי, קען זיך מאכן עס קען זיך טאקע אזוינס שניידען, און דערייס אז ס'זאל זיין.... דערוויל איז דארט ביי אהים א איד, און דאס איז א שווערע זאך, ווייל דאס קומט אריין פארטאגס, מ'מוז האבן ספעציעל מענטשן, דאס פלייש קומט נישט אריין אין מיט'ן טאג בשעת עבודה, דער גוי לייגט אראפ דארטן מיט' טראק. און יעדער קומט אין דערפריה פארטאגס, נעמט דעם פלייש, בקיצור האט מען מיט איהם איין געארדינט, ער זאגט, אויף 6 וואכן, מיר דאכט זיך 4, אז ער נעמט זיך אונטער, צו האלטען משגיח, ער זאל דורך קוקן אלע בהמות וואס זיי קומען אריין אויב ס'איז נישט צוגעלאזט דארט א חלק אחוריים[55].

אז טאמער איז דא וועט ער דאס אראפשניידן, אזוי אז ס'וועט נישט קענען זיין קיין מציאות אז ס'זאל קומען צו א קצב, סיי וועלכע קצב פון די גאנצע שטאט, וואס ער קויפט ביי איהם פלייש אז ס'זאל נישט זיין צוגעלאזט קיין חלק אחוריים — עס זאל זיין... מיטן טבור (טאריטיקאוער שואל — אפשר קען מען פועל'ן וואס עפעס 6 וואכן).

**תשובה**: הערט מיך אויס — **בקול גדול הרב דווין**! — רבותי לאמיר קודם זאגן — איך זאג דאך אייך, וואס איז געווען (טאריטיקאווער שואל? אפשר קענט איהר דאס טאן...) תשובה גוט, גוט, דער ווינער רב זעה איך האט שוין דא הערט זיך איין[56]

**ווינער רב מתערב**: איך האלט שוין ווייטער, מיר האבן מיט איהם היינט געשמועסט, איך האב אהין גערופן זאג איך, איך גיי היינט צו א אסיפה זאג איך, איך האב מיך דעמאלסט פון איהם, איהר ווייסט דאך, איך האב מיך געשטארקט, איך האב געזאגט ס'איז בין כסא לעשור, איך וועל נאך ווייס איך וואס טאן: ס'איז שוועריקייטן איך וויל נישט זאגן, אז ס'איז נישט, איר פארשטייט ווייל דאס פלייש וואס ער מאכט כשר, געט ער איבער פאר זייגע מנקרים און דער רב מענדל קוקט איבער דעם פלייש וואס מען געט ארויס פאר בוטשערס, א גאנצע זייטן, דאס איז דאך זאג איך פאר רב אהרן — האבן איך היינט געזאגט — צו זאלסט וויסן זיך די נישט קיין צרות פאר כל ישראל, איך זאג דיר צו, זאל דיך קאסטן אפילו נאך צוויי מענטשן — וואס עס איז נישט אמת ווייל דארט, מיר זאלסטו אראפנעמען דעם שלייעם אויך, האב איך געזאגט ס'זאל קומען אנעדעם שלייעם, און אנעדעם חלב, קיין שום, נאר חוטין ברוויכטסטו נישט מנקר זיין ווייל חוטין איז שוין[57].

**סיגעט**: ניין ער קען נישט טאמער נעמט ער גאנצע, איז דא ביים טרפש הכבד[58].

ווין: חוטין קען ער נישט, דעם חלב הכליות וועט נישט זיין דעם טענדער, וואס איר ווילט וואס דער פשט — איז מיט חלב דאס וועט נישט זיין, חוטין, איז אנאנדער זאך, איהר האט דאך געזעהן, מ׳מוז אפשיילען אויף דריי פלעטצער, דאס מוז טאן יעדער בוטשער ער קען דאך נישט זאלטצן דאס פלייש, מען וועט דאך פון איהם נישט נעמען מיט דעם די בוטשערס און דאס איז א געוואלדיגע[59]

שאלה: מען וועט אראפנעמען דעם קרום, מיט די גאנצע זאך?

תשובה: ער נעמט ארויס דעם קרום אויך, יא איך האב היינט גערעדט איך האב איהם גערופן, הערט אויס איהר זאלט איינס וויסן וואס מ׳קען ביי יענעם פועלן מיט גויטן, און מ׳רעדט מיט איהם צווישן פיהר אויגן, איך האב עם מסביר געווען הער אויס עס וועט מארגן קומען, און איבער מארגן עס וועט אזוי קומען. אז איך ווייס עס איז נישטא קיין מציאות בעולם, אז איינער זאל קענען טרעפן (צעקות מכל הצדדים)[60].

נירבאטער: איך וואלט געוואלט, איין מינוט! די גאנצע זאך איז דאך געפאלן אויף מיר, איך וועל מוזן שטעלן אכטגעבן אן שטעלען א מענטש, וואס זאל אראפנעמען די אלע זאכן, די קרומים, איך האב מורא פאר דעם עולם, אויב די קרומים, וועט ווערן נישט אין גאנצן אראפגענומען[61].

ווינער: נישט די קרומים האב איך געזאגט, דעם שטעיים.

שאלה: וואס הייסט שלעיים? וואס הייסט דאס? וואס איז דער שלייעם? דער טבור?

ווינער: נישט נאר דער טבור, עס איז דא וואס זיי זאגן, אז דאס איז א חלק פון חלב הכסלים, איר האט געזעהן דעם שלייעם, דארט איז דא דאס, קומט אראפ אין איינס — אחד אומר: יא דאס איז אזא הייטעל, א דינע הייטל — תשובה! נישט אדינע, ס׳איז נישט אזוי דין[62].

סיגעט (בקול מחאה): איך מיין הערט אויס ס׳קען דאך אמאל ווערן א מכשול אויכעט, מען וועט נאך מיינען אז ס׳קומען אריין.

הערטצט זיך אויס דעייס, איך זאג אזוי ווי איך האב פארשטאנען. מען דארף דאס איבער רעדין מיט איהם[63].

(ווינער מפסיקו). סיגעט ממשיך: אמינוט איך האב פארשטאנען, אמינוט, א רגע, אז ער זאל זען ס׳זאל נישט צו דער חלק אחוריים, דאס זאל נישט קענען צוקומען, דעייס איז איהם לייכט צומאכן, ער קוקט נאך און ער טוט עס אזוי און דער מענדל, דער משגיח[64], הרב לייטנער שואל — טענדערליין... תשובה: א מינוט, הערט זיך איין די טענדערליין... (כולם מדברים)... הערט זיך איין א רגע נאר, איר מיינט די קצבים קויפן פון דעם טענדערליין, ווער קויפט זי, ווער ברויך דאס, איין מינוט בלייבט שטיל הערט זיך איין ווייל פאר דעם מאל לאזט זיך הערן, ווינער רב (ווינער רב) לאז מיך אייך עפעס זאגן פון די אלע זאכן וואס זיי

האבן, גלייב מיר, איך בין זיכער, אז דאס איז אינטערגעשטעלט זאכן, ס'איז זיכער שקרים, ווייל זיי פארקויפען נישט דאס טענדערליין, מען שמועסט אז זיי האבן א טענדעליין דאס איז א אונטערגעשטעלט[65]. איך וועל אייך עפעס זאגן, היינט קען איך שוין אזוי גוט די מסכת, וואס דא איז געווען דער אמת, איז אזוי וויא ס'האט טאקע אָן געהויבן מען האט אנגעהויבן וויא דער מאנטעווידייער רב האט פארציילט, אז זיי דאך פאר די רבנים, איז דעמאלט אריין געקומען דער בריעף פון דער סקווערער רב, פסח, האט מען אנגעהויבן עוסק צו זיין דא אז מען דארף זען צוטאן, דאס איז מ'האט געזעהן, אוודאי ווי ער האט פריערט געזאגט, מען האט געזעהן אין גאנצע ניקור און סודות איז געווען האט מען געטרייבערט אזוי, דער צלע י"ב האט מען אויסגעטרייבערט, דאס איז געווען אזוי איין געפיהרט, און דאס איז געווען דער חת"ס, מען האט זיך אזוי געפיהרט אין רוב מקומות און שוין, און וויא דער חת"ס ז"ל זאגט אליין ס'איז א לייכטער ניקור, מען דארף נישט האבן קיין אומנות דערצו — יא אזוי זאגט ער — אינו חמור כ"כ אויך ווייל ס'איז דאך נישט בעצם קיין חלב, ער זאגט דאך ס'איז נישט דא פון דארט קיין חלב, און ש"ך שטייט דאך ארויס עס איז נישטא אפילו אין די צלע י"ג אליין איז נישטא קיין חלב, אין די צלע אפילו נאך וועז מ'שניידט דאס אראפ כדי מ'זאל קענען גוט אפשניידען, מען זאל זיך נישט טועה זיין. אבער אין די פלייש אליין, איז דא א חת"ס אין דעם איז נישטא קיין שום חולק דער בית שלמה זאגט אויך די זעלבע זאך, ער זאגט, בגלילותינו איז מען זיך נוהג עס נישט[66].

און נאך מער איז, און דער חשש, און דארטן וויא דער בית שלמה דארט קוקטץ אריין האט דער קצב פארקויפט אום־געטרייבערטעס, דאס איז געווען די גרויסע דאס, ווייל אז ס'איז נישט געוואוינט געווען צוטרייבערן האט ער דאך געטרייבערט, און ער האטעס פארקויפט, און ער זאגט דארט ווי די... און פארדעם, ער קנס"ת עם, און דעת תורה ברענגט ער דאס טאקע אויבט אזוי, וואס ווילסטו מער[67]

שאוין א קיצור איך זאג דאס איז נישטא וואס צורעדין, וואס איז דא געשעהן אזא טומעל, דאס איז אמת, דאך איך קען עס דא זאגן ווייל ס'איז אמת, ס'זיצען אזויפיהל מענטשן, איך האב עס שוין געזאגט פאר א גרעסערן עולם וויא דא.

ס'איז געווען ממש במזיד, אזאנ'ס אן צודרייען אויף אונדז א בלבול, אזוי ווי מען האט געמאכט אויף אידן אמאל אן עלילת דם, האט מען געמאכט אן עלילת חֵלב, פונקט די זעלבע זאך, אויסגעטראכט זיך בשאט נפש, היינט קען איך אייך זאגן, איך וואלט דאס נישט געווען געזאגט, קוקטץ וועט איר זעהן. איך האב דאך דא א בריעף, דער מאנטעווידייער רב האט מיר געזאגט ער פארט קיין א"י, געזאגט אז מען האט דאך שוין עוסק געווען אין דעם — איר געדענקט מיר האבן גערעדט? רעטץ טוטץ, ביזט אין ירושלים ביזט דארט דירעקט קוק דיך

אום דארטן, לאמיר זען וואס טוהט זאך דא אזאן טומעל[68].

איך האב נישט געוואוסט וואס טוט זיך מיט ירושלים אזא זאך, אין דער אמת האב איך נישט געוואסט אז מען זאגט טאקע ממש חלבים, מיר האבן עפעס טאקע דער ענין ניקור וואס האט זיך ארויסגעשטעלט ביי דער אסיפה וואס איז דא געוועזן. און דער אמת איז עס געוועזן אן אסיפה לשם שמים. מען האט צונויף גענומען אלע מנקרים, קיינער האט נישט געמיינט אויף צו פארטושען חֵלב, אז צו זאגן, אז מען האט צונויפגענומען מען האט געוואלט טאקע טוהן. ארויסצופרובען מען זאל וויסן וואס טוהט זיך טאקע, עס איז טאקע צונויף געקומען דא מענטשן פון פארשידענע מקומות, איך בין אפילו נישט דא געווען, איך האב געוואוסט עס איז דא אויף ווען צו זיך פערלאזען, יא דער פאפער רב איז דא איך בין אפילו נישט דא געווען — יא דער פאפער רב איז דא... יא... יא... שלום עליכם... יא, ניין, איך האלט אין מיטן, פונקט זאגן די מעשה, וויא אזוי ס'איז געוועזן, דער עולם איז זיך צונויף געקומען, ס'איז דא אסאך באמת שאלות. איך וועל זאגן פאפער רב, וואס ס'איז דא להלכה, וואס מען זאל דא טוהן ווייל בכלל, ביי די צלע י״ב איז דאך געווען אין אונגארן מקומות וואס מען האט יא גענוצט, און מקומות וואס מען האט נישט גענוצט, ס'דא א טייל וואס מ'האט געמאכט דעם נקור דעראף, אזוי וויא דער חת״ס ז״ל זאגט מ'נעמט אראפ דארטן דאס הייטל, טייל מקומות האט מען נישט גענוצט, איז א פראבלעם, ס'איז א שאלה.

עס איז טאקע אפשר א שאלה אז עס איז בכמה מקומות דא און וואס?[69]

פאפער רב: אזוי וויא מען נוצט נישט קיין סירכות חאטשיג ס'איז כשר, סירכא פלייש...

ווינער רב: די סירכא פלייש, קען זיין א חשש, אין סירכא בלא נקב, איז שוין דא אפשר.

סיגעט: הלוואי, הלוואי, וויפיל מען נוצט יא, מען האט אראפגענומען סירכות, דאס איז גלאט פון רעסטטועגן נוצט מען סירכות, מען קען דאך נישט זאגן מען נוצט נישט קיין סירכות.

פאר דעם עולם קען מען זאגן, מען ניצט נישט קיין סירכות — דעמאלטץ וואלט איהר נישט געקענט האבן קיין פלייש צופארקויפן, ס'איז דא ס'מאכט זיך, ס'גייט נישט לייכט אבער עס טרעפט זיך אמאל[70]

נירבאטער מוחה: זאלטץ מיר מוחל זיין אויף דעם וועל איך ענטפערן: חלילה אז אנע סטעייטמענט צוגעבן, אז אוינדז נעמען ח״ו סירכות, חס וחלילה, קיין מאל אויף דער וועלט, אז ס'איז א רירל, ווער ס'איז באקאנט וואס מיינט א רירל,דעייס נעמט מען אראפ, אבער וואס ס'איז מיטן נאמען סירכא וואס עס האט א הארטן שורש, מיט א הארטן מקור ח״ו נעמען אונדז קיין מאל נישט[71].

סיגעטער רב: דאס זאגט דאך דער פאפער רב, זאגט ער פונקט אזוי וויא דו טוהסט דאס, קענסטו דאס אויך דאס זעלבע טאן?[72].

פאפער רב: חאטש ע"פ הלכה, איז דאס כשר, ווייל מען עס דאך נישט, וויל מען דאך יוצא זיין אלע שיטות.

סיגוטער רב: ניין, דארט, איז עס נישט, דארט איז אזוי, די סירכא וואס מען הייבט אן צונעמען[73].

פאפער רב: נו, אז ס'איז א פלוגתא, צווישן די אחרונים, צווישן די פוסק'ים אחרונים, וויא אזוי די פלייש פון די צלע י"ב וי"ג, פאר וואס זאל מען דאס מאכן?

סיגיטער רב: אבער ס'איז נישט דא קיין פלוגתא, עס איז נישט דא אין דעם קיין פלוגתא, קיינער זאגט נישט, דער חת"ס זאגט אז מ'קען עב אראפנעמע', און מען האט עס אין אסאך מקומות אראפ גענומען. איך ווייס אין סיגוט, האט מען דאס אויך גענוצט, אין סאטמאר האט מען אויך גענוצט, קען מען זאגן מען האט נישט געוואוסט די זעלבע, מען האט נישט גענומען קיין סירכות, מען האט נישט געברויכט, און ס'איז דא מקומות[74].

ווינער רב: ביים ערוגת הבושם האט מען דאס נישט גענוצט אין חוסט און אין קליינווארדיין, איך מען אזוי, איך ווייס נישט[75].

סיגוטער רב: בקיצור, די זאך איז אזוי, מען קען דאס נישט אזוי שטארק מדמה זיין צו דעם, אזאך וואס ס'איז קיין שום שיטה נישטא, אז מען קען דאס נישט נוטצען, ס'איז נאר א שאלה, אויב מ'דארף דאס אראפנעמען, און דער גאנצער חשש, האט זיך גענומען מען האט דאס נישט גענוצט, האט מען מורא געהאט, וועגן דעם ווייל מען האט גענוצט אחוריים, אזוי וויא ס'איז שוין מבואר אזוי אין בית שלמה, און עס שטייט אין דעת תורה[76].

פאפער רב: אזוי וויא דער קרום, אז ס'קען זיין א קרום ציהט זאך פון דעם.

סיגוטער רב: ניין, ניין. דאס נישט. ביי צלע י"ב דאס איז בעצם נישט קיין חלב, נאר ס'ריהרט זיך אן צום חלב פון פנים, ווייל דער כרס איז דא דער חלב, זאגט דער חת"ס. מען קען אראפנעמען דעם קרום, און ס'איז א לייכטע זאך. די קצבים זענען בקי, די גאנצע צרה — זאגט דער חת"ס אויבט — אז דארט וויא מען האט גענוצט דעם חלק אחוריים האט מען געמוזט צולייגן צו אחוריים, און די קצבים האבן באקומען בעפאר, וועלן זיך טועה זיין, זיי וועלן דאס נוצן אום געטרייבערט, דאס איז די גאנצע ענין, פאר דעם האט מען דאס אין כמה מקומות גענוצט, און כמה נישט.

הערט מיך אויס (מאנטעווידעייר רב) — עס איז נישט דא אין דעם קיין פשרנים ס'איז דא ווער עס האט...

סיגוט: גוט גוט, שוין הערט מיך אויס איך בין נישט דא דן... איך זאג אויך. איך זאג נישט איך מיין, אבער בעצם, מען איז דא דן אויף די גאנצע זאך וואס

דאס איז געווארן, אזא שם אין די גאנצע וועלט פארשפרייט געווארן אז מ׳עסט דא ממש חֵלב, אחוריים[77]. און דאס האט, אין דעם שם איז ארויסגעגאנגען וואס נישט סתם ס׳געשען עפעס ממש, מ׳האט געוואלט מבאיש ריח זיין, פאר די אלע אידן אז זיי עסין חֵלב. ברור לי, היינט איז מיר אזוי זיכער, אז גאר, פון וואנט וויל איך דאס נעמען, איך האב דא איצט א בריעף באקומען פון א״י, וואס דעם קאשויער רב׳ס איידים — דער וויא אזוי הייסט ער (יצחק גליק — משה פרידמאן) משה פרידמאן — שרייבט פאר דעם מלאכי, ער דער מאלכי איז דארט א מנקר, וואס ער איז דא געקומען, און דער איז דאס ער וויל איינפיהרן דעם ירושלימער ניקור וואס ס׳איז דא, זיי האבן נאך אנדערע חומרות, וואס מען האט עס נישט געהערט ממש אין די גאנצע מדינות, נישט אין אונגארן נישט אין פוילן און נישט אין דייטשלאנד, בכלל ס׳איז געווען א פלוגתא ס׳איז געווען מנהגים צווישן די ספרדים און צווישן די אשכנזים, מיר זענען ב״ה אלע אשכנזים, נישט קיין, מוזען מיר זיך האלטן מיט דעם מנהג וואס איז האט דאס גארנישט קיין שום מין זיהן נישט אמאל מען זאל דא איין פיהרן די מנהגים פון די ספרדישע מנהגים, אויף וואס ארויף עס האט נישט קיין טעם וועגן דעם, חאטש אין דעם בריעף שרייבט ער איהם, אזוי וויא ס׳קומען אָן ארץ ישראל׳דיגע אידן אהער, און זיי זענען זיך יא נוהג זאל מיר אונדז משנה זיין, אונדז זאל מיר זיך איינפיהרן משנה זיין מנהג אשכנז, איבער דעם ווייל עס קומען אהער ארץ־ישראל׳דיגע אידן[78].

ס׳קען זיך אפשר מאכן, די ארץ ישראל׳דיגע אידן, אן עקסטערע שחיטה, קיינער שטערט זיי נישט. עכ״פ, אבער איז געשריבן דער בריעף, דער קאשוי רב׳ס איידעם שרייבט א בריע׳, פאר דעם מלאכי.

איז געשריבן עש״ק ויקהל, דאס איז 6 חדשים, שטארקע 6 חדשים, ווי ער שרייבט איהם קודם שרייבט ער איהם מיט וואס א ערמומיות, וואס פאר א מין ערמות, מען האט געדארפט איסנוצען מיר זאל מיר קענען באקומען די פליישן, זיי זאלן קענען זען וואס דארט איז דא. ענדלאך — שרייבט ער — מיר האבן שוין באקומען, און ס׳איז פעסט געשטעלט געווארן אז ס׳איז דא חלק אחוריים, און חלב דאורייתא׳ס, אלע חלבים איז דא, אין עס ווערט דא פארקויפט איבעראל — אזוי שרייבט ער — איהם הערטזשע חאטש וואס שרייבט ער איהם, אזוי וויא מיר האבן דאס פעסטגעשטעלט, ונכנסתי לקודש פנימה, בין איך געגאנגען צום קאשויער, צו זיין שווער, און ער האט איהם געוויזן, און ער איז געבליבן עמד מרעיד, אזא זאך וויא קען דאס זיין — שרייבט ער — מ׳האט שוין גערעדט מיט עטליכע רבנים, בקיצור מ׳וועט קענען דא מאכן, און ער שרייבט אזוי וועגן ירושלימער חלב, מען וועט אלעס קענען מתקן זיין[79].

איז קען איך נישט פארשטיין, אזא זאך, וויא קען דאס זיין פארהאנען זיין א איד וואס ער מיינט אמת, זעקסט חדשים, ווייסט ער שוין אז מ׳עסט דא חלב

# כדת של תורה

דאורייתא, זעקס חדשים?

יא קאז'שט זעט איהר דא וויא. איך ווייס נישט וועלכע רבנים מען האט דעמאלס געזאגט, כמדומה לי, איך גלויב נישט ווען מען וואלט זאגען ווען פאר א פאר רבנים, וועט'ן די רבנים געווען געזאגט און מען וואלט מען געהערט — הערט מיך אויס — שרייבט ער אזוי שוין 6 חדשים און אפגעווארט ביז ערב יו"כ. דעמאלטץ איז ארויס געקומען, ממש קוקט'ס וועט איר זען. יא וועט איהר זעהן וויא ער שרייבט[80].

ווינגער: יעצט הערטס אייז רבותי, דאס מוז זיין... זאל דאס זיין רבי שלמה קלוגער. עטץ ווייסט דאך די מעשה פון בארדיטשוב. אין דריי וואכן איז ער אהיים געגאנגען און ער האט געשוויגן. דער נאך האט ער געזאגט, לא ראיוזי מאכיל טריפות כמהו, איז געגאנגען רבי ענזיל האט איהם געזאגט, דו ביזט נישט באגלייבט ע"פ הלכה, ווייל אז דו האסט דא געוואוסט און האטס געלאזט בארדיטשובער אידן דריי וואכן עסין טריפות, בממילא ביזטו נישט באגלייבט, ווייל אין אדם משים עצמו רשע, דאס טוהט נישט א מורה הוראה בישראל, נאך אפילו א פשוטער איד. אלא מאי גלויבט מען דיר דאס נישט אז דאס איז טריפה, איז ער געגאנגען און האט איין געשיקט רב ענזיל דעם בריעף פון ר"ש קלוגער צום אמרי אש. שרייבט דער אמרי אש אין די תשובה: א) און ער זאגט אזוי, איי אמה'ן זאגט ער. א פלא איז אויף א מורה הוראה א גאון ער זאל לאזין עסין דריי וואכן טריפות, איז דא דער ענין טאקע, פון אין אדם משים עצמו... איי ער איז דאך יעצט מוציא לעז אויף א שוחט. און ער זאגט ער איז א מאכיל טריפות, זאגט ער השתא הוא דאיתרעי, דאמאלטץ אויף יענעם איז ער נישט באגלייבט, אז ער האט דאמאלס מאל טריפות, ווייל ווען נישט האט ער דאך געלאזט עסין אידן יעצט איז ער מוציא לעז. שרייבט ער דער אמרי אש, און ער רעדט זיך אפ רבי שלמה קלוגער צום אמרי אש, דער חת"ס האט מיט איהם געהאלטן ביי דעם גט, און אלע גדולים, און דו האלטסט נישט, בין איך געגאנגען פון אן אנדער טעם, מען קען נישט דעם בארדישטובער שוחט מהיר זיין ווייל בארדיטשוב האט מקבל געווען אויף זיך, די הוראה פון בראדער מגיד, בממילא איז וואס אימער עס איז אויך ער, אז ע"פ הלכה, יא באגלייבט אדער נישט באגלייבט, פאר זיי איז אמאל דער שוחט אסור, ווייל פאר זיי האט מען געגעבן, יעצט דא איז אז סיי ווער אימער עס איז... (הרב מסיגעט מפסיקו)[81]

הרב מסיגעט: קוקט'ס א הער, לאמיר א סעקונד, ער שרייבט דא אזוי: דאס איז זיין בריעף וואס ער האט געשריבן עש"ק ויקהל־פקודי תשמ"ב, דאס איז פונקט תשא איז געווען פורים, און האלט מיר שוין נאך פורים, נאך די ימים טובים, און ער שרייבט דא אזוי, קוקטץ וועט איהר זעהן וואס זאל איך אייך זאגן — געטראפן פון חלב הכליות ג"כ האט מען געטראפן בלתי מנוקרים, און שוין וזה ממקום דבוק לחלק הכליות, גם אצל הדינען טענדערליין הנשאר על־ידי

הצלעות. הצלע אינו מנוקר טוב. ומקצת מהם לא הסירו הגיד שעל החלב בין הצלעות. מקצת נשאר גם החתיכה כמו... דאס שרייבט דער איידעם פונ׳ם קאשויער רב, זעהט אזוי האט זאך אנגעהויבן.

קוקט׳ס אן, בקיצור — די צלעות זענען נישט מנוקר, והנה כמה פעמים גם שאר המנקרים... מנהג אשכנז... עס איז גארנישט געווען מנוקר, ואין שום השגחה על ניקור, עס איז גארנישט דא... זאגט ער אזוי, לפני כשעה דאס וויל איך זאגן נכנסתי אל הקודש פנימה אל כ״ק אדמו״ר הגה״ק מקאשוי שליט״א ומסרתי לו הפרטים שמצאתי, כמובן שנרעד ונפחד מאוד, וסיפר לי שהיום כבר דבר מזה עם כמה רבנים, ועכשיו מקוה אני שיכנס בעובי הקורה ש... יהי׳ אור... האט ער דא[83].

איז א מעשה פון 6 חדשים, ער שרייבט דא אז מ׳האט שוין גערעדט מיט אפאר. איך האב נישט קיין השגה, מען האט גערעדט וואלט איך געווען געהערט, ווען נישט האטב איך געזאגט, נאך די רבנים הערט ווען געזאגן מאכט א גערודער, מ׳זעט מ׳עסט חלב דאורייתא. רבוש״ע ! 6 חדשים, און מען זיצט און מעשווייגט אפ (נירבאטאר צועק ומפסיקו)[84].

נירבאטער : איך האב איהם געפרעגט פארוואס האט איהר מיר נישט... איך האט געשפיהרט, ביינאכט אז עס איז דא א מכשול ביי וויינשטאק, בין איך דאך פארענטפערטליך בין איך דאך חלילה מאכיל טריפות, ביי איהם וואס האט איהר דאס געלאזט וואס האט איהר געשוויגן, דער רבי זי״ע האט געזאגט אויף מיין השגחה, איך מיין איהר קענט דאס זאגן ברבים (אחד מפסיקו : דאס איז נישט וויכטיג)[85].

היינט איז מען געגאנגען געגן רעבי׳ן און מ׳פסקנ׳ת אפ אז מיר האבן געגעסן טריפות (היו״ר שואל : וואס האט ער אייך געענטפערט?). ממשיך : ווייסט וואס ער האט מיר געזאגט, ער וועט מיר ענטפערן אין דריי טעג, אבער רעט מיט די קינדער האט ער מיר געענטפערט, איך האב גערדעט מיט די קינדער, איך האב זיי אנגעקאלט זאגן (הרבה מדברים, ומכולם נשמע קול הרב מסיגעט).

הרב מסיגעט : איין רגע כאפט נישט אין די מיט, הערט זיך איין, די מעשה וואס וויל איך דא זאגען, ווען רב אברהם איז דארט געוועזן[86], האב איך דא א בריוו וואס דער רב, דער ראב״ד האט מיר דא אריין געשיקט איך האב עס דא געוויזן, שרייבן זיי אזוי : אז אויך די זעלבע, זיי האבן אן גערופן, דעם קאשויער רב׳ס קינדער, דער זוהן מיט׳ן איידים, אז דער רב אברהם (ווינאי : הרב לייטנער !), יא הרב לייטנער פארט קיין ארץ ישראל ער וויל ארויס קריגען — אזוי שרייבען זיי — א כתב אז ער קען אליין ניקור, קודם מוז ער אליין זיין, נאכדעם וועט ער קומען, די אלע מנקרים דא היי וואס זענען מאכיל חֵלב, די וועט ער אלע סומך זיין אזוי אז מ׳וועט דא קענען פארקויפן חלב און ס׳וועט

גוט זיין אין האלסעיל, איהר הערט א מעשה, איך האב דם בריעף, איך האב אן ארגינאלען בריעף, נישט קיין מעשיות.

איך האב אנגערופן דעם ראב״ד — וואס איז דאס וואס ער זאגט וואס ז״גר — האט ער מיר אריין געשיקט, היתכן אז דער רב אברהם גייט אהין (אין שומעים — ערבוב הקולות)[87].

קוקט׳ס: דאס איז א בריעף, דער ראש מנקרים שרייבט פאר׳ן ראב״ד וואס שרייבט ער — מיינט איהר — ער שרייבט אזוי פאר׳ן ראב״ד, אזוי וויא מ׳זינגט ס׳טוהט זאך אין אמעריקע אזוינס וויל מען אלע פארקויפן חֵלב, ס׳גייט זיי זיין לעבן, און דער רב אברהם איז א הער געקומען. איז דאך שוין א געפערליכע זאך (?) ער גייט זיך אויסלערנען ניקור, און ער די אלע איהר הערט דאך וואס, ע״כ שרייבט ער, און זיי האבן איהם טעלעפאנירט בסודי סודות, שטייט דארט, ער שרייבט איהם דארט מ׳זאל דאס נישט אויסזאגן פאר׳ן רב — זעסטו און עס מוז געוויזען א סוד. שוב מסר הרב מלאכי שקיבל טלפון מהרב בלום שאביו הויך מקאשוי, דבר זה צריך לשמור בסוד, שהרב לייטנער יופיע כאן ביום א׳ פ׳ ראה במטרה לקבל פה אישור, על סמכות ידי ניקור, שיסמוך שם את המנקרים באמעריקה, שהם יודעים את הניקור אע״פ שאינם יודעים. זיי קענען נישט. ווייל שם באמריקה מי שאינם רוצים הניקודים, הרב לייטנער הבטיח, דארטן פאר די קצבים, ער וועט זיי ברענגען א היתר אויף די בשר מיט׳ן חלב שאינם מנקרים אלעס וועט ער ברענגען דער הרב לייטנער, ער האט זיך אונטערגענומען, אז נישט — ווינא: איין ווארט...)[88].

הרב דסיגעט ממשיך: איך וויל איהר זאלט מיך אויסהערין... (כולם מדברים, ונשמע קול הרב דסיגעט וממשיך:) קוקט׳ס עכ״פ וואס פארלאנגען זיי די וואס שרייבט דער שרייבט ער אזוי, אז ער האט איהם אנגעזאגט, יא נאך שטייען דארט שוב ביקש ממני. הרב מלאכי השתדלו שאף אחד מהדבנים מהבי״ד לא יתקשר שום שיחה עם הרב ממאנטיווידעא — ער איז אין חרם חלילה געווען מען טאר נישט מיט איהם רעדין — די אלע רבנים זאלן נישט רעדין צו איהם. דעווילן דא מאכן אזוי ווי עס איז — וואס זשע וויל ער — לפענ״ד זאל ער צונויף רופן דאס בי״ד און דאס בי״ד זאל אדויס געבן אז די אלע זאכן וואס זיי זאגן אז דאס איז אמת, בממילא וועט הרב לייטנער שוין זיין געפינישט... (אחד שואל...) תשובה: דער רב גד׳ל וויל דאך דא איינפיהרן דעם דעם דאס איז עס און רב משה אריי׳ האט מיר געשיקט דעם בריעף, פארציילט א מעשה, ער האט איהם געשיקט דעם בריעף, ער לייקענט נישט[89]. פארקערט איך האב שוין היינט געהערט, אז מען האט שוין געקאלט דעם, אז ער זאל זאגן, ס׳הייבט זיך נישט אן, די גאנצע מעשה, ער איז אן עדליכער איד, אן איבערקערעניש (זעקות מכל הצדדים, ונשמע קול, סיגעט ממשיך:) וואס וויל איך אייך זאגן בקיצור, דאס איז הונדערט פראצענט, שום ספק אז זיי האבן געפלאנט 6 חדשים ארויס קומען מיט

אזוי מין זאך. אז מען עסט דא חלב, חלב דאורייתא און אחוריים, עס טוהט זיך דא. וואס דער תכלית איז וואס זיי האבן דערפון, האב איך נישט קיין השגה[90].

הרב מאפא: מיין שמועה איז שוואך, און איך בין אהער געקומען, אל תזכור לנו עוונות ראשונים, מאי דהווה הווה, צו מען האט עבירות געטאן מיט׳ן מוציא ש״ר צו נישט, לאמיר איצט נישט טענה׳ן לאמיר, איצט דן זיין וואס ס׳זאל זיין מכאן ולהבא. אבער די אלטע עבירות לאמיר אוועק שטעלן אין דער זייט[91].

הרב מסיגעט ממשיך: איך בין מסכים, אבער כדי מען זאל וויסן, אז מען האט דא צוטאהן מיט מענטשן וואס וויהלן, מוז מען דאך וויסען וויא אזוי צוטאן. איך וועל אייך זאגן, איך וועל זאגן פאפע רב, מען האט דאך ביז היינט אויך געטאן, מען האט דאך געזען, מען האט צונויף גערופן אלע מנקרים האבן זיי דען נישט אנגעהויבן צוטאן. ס׳איז ממש דא טאקע פיהל מענטשן וואס זיי קומען פון פארשידענע מקומות, מען קומט דא פון גאליציע און פון ליטא און פון פוילן און פון אונגארן פון כמה מקומות. ס׳געווען, האט מען דארך אנגעהויבן עוסק צו זיין אין דעם ענין האב איך א בריעף, וואס דער קאשויער רב שרייבט מיר א בריעף, הערט איך וועל אייך זאגן, ער שרייבט מיר אליין, איך האב פון איהם א בריעף, ער שרייבט, אז די גאנצע אסיפה וואס דענטצמאל איז געווען, וואס מען האט זיך צונויף געקומען, איז נאר געווען כדי מחפה צו זיין אויף דעם גאנצן ענין, מען זאל קענען ווייטער פארקויפן (...נכנסים בתוך דבריו...) אז ס׳זיצן דא רבנים זענען זיך צונויף געקומען דענצמאל אויך, מען האט צונויף געזעצט מיט אלע מנקרים, מ׳האט געזען עפעס צו טאן, איז די גאנצע אסיפה איז דאך נישט געווען, עס איז נישט שייך צוזאגן, אזוי מוז מען דאך דא וויסן — לאמיר אייך זאגן — איך האף אז די רבנים, אז ווי יענע אסיפה איז געווען געמאכט לש״ש, מען האט זיך צונויף גענומען דעמאלס אויך מען זאל זעהן מתקן זיין און דא דארף מען נאך קוקטן וואס ער שרייבט, מיר דאס שרייבט ער מיר דער קאשויער רב אליין אין א בריעף — ס׳איז אונטערגעשריבן דא זיין נאמען. האסטו יותר ממה שכתוב כאן יש במציאות המכשולות בנסיוני שניסו לתקנו, במשך ג׳ שנים שעברו המצב נורא ואיום[92]. ער שרייבט דאס פאר מיר, והענין מבהיל הרעיון ואף כשלעצמי נראה לי כחולם חלום — זאגט ער שרייבט ער דאך צו מיר זאל זיך איהם חלומען, אלפים ורבבות מבנ״י נכשלים באיסור חלב הנורא, ואין דורש ואין מבקש לתקן, וכשנעשה איזה רעש בעיר, ממהרים להתאסף, איך להשתיק ולהודיע, כי יאכלו ענוים וישבעו, והמון עם הולכים לדרכם בדברי לעג ובוז בטענות של הבל שאין קץ לדברי רוח[93].

ער שרייבט פשוט, אז די אסיפה וואס מען האט צענויף, אז מען הערט אז עס עפעס א גערודער, נעמט מען צונויף דארטן מענטשן און מען זאל ארויסגעבען,

ער שרייבט דאס פאר מיר, הערטץ מיך אויס, איך וויל אייך זאגן גיין הערטץ מי־אויס קען מען דען... (נכנסים בתוך הדברים)[94].

פאפער רב אומר: מען דארף דא נישט צו דן זיין צו קאשויער רב איז גערעכט צו נישט.

סיגעטער רב: (מתגבר קולו שוב!) איך בין נישט דן צו ער איז גערעכט, איהר זעהט דאך אליין, איך וויל אייך נאר איינז זאגען, איהר ווייסט וואס איך וויל אייך זאגן, איך בין בטוח, אז דער קאשויער רב האט נישט געוואוסט פון דעם גאנצן בריעף, איך בין זיכער, ווייל דער בריעף איז אזוי געשריבן אזוי אין דער חאפענדיג ער שרייבט זיך טאקע אונטער הק' רפאל בלום, אבער ער ווייסן זיכער נישט וואס דא איז געשטאנען, זיכער אז ניין, וויא איז, וויא הייבט זיך אן דער בריעף, ער האט נישט באוויזן אפצושרייבן אזא בריעף אזוי צווישן יו"כ או' סוכות, די הערסט, עס איז אנגעשריבן בין עשור לחמשה עשר. לס' שם יזבח זבחי צדק, דער שרייבט עס פאר מיר דעם בריעף, עס איז פאר מיר משד טייטלבוים זיכער האט ער נישט אנגעהויבן צו וויסען. איך מיין זעהר איהר אזוי ווי איך זאגט, נישט קיין ספק, ער הייבט נישט אן צו וויסן, אבער די וואס האבן דאס אן געפיהרט, הערט זיך איין, רבותי, איצט איז אזוי צום ענין איז אזוי[94].

איך שלאג אייך פאר, וואס מען האט געדארפט דא קודם דעס זאל מען מ'האט עס פריהער פאר געשלאגן, אז ס'איז דא, דא הי בוטשער'ס וואס האבן נישט וואס זיי ווייסן נישט ווייס נישט אויב שריפטלאך האבן זיי זיכער נישט אז זיי קענען. דארף מען אנהויבן אזוי, אז פון היינט מאל אן, מוז יעדער ווער ס'איז זיך עוסק אין פארקויפען פלייש, ער האט א פלייש באנק, קודם האט מען געדארפט מאכן אז מ'מוז האבן א השגחה מוז זיין, דאס איז איין זאך. נאר דאס איז נאך נישט גענוג אז ער זאל האבן א השגחה, אויף אונדז ליגט א זויפיהל אחריות. אז מ'מיר זעהן, אז די פארקויפערס די בוטשערס זאלן קענען אויסער דעם וואס ער האט א השגחה, יעדער איינער וואס איז עוסק אין דער פלייש מוז גיין[95].

מען האט געדארפט אויף שטעלן דא א פאר רבנים, וואס זאלן אליין קענען גוט ניקור, ביי דעם זאל זיך אנהויבן, מען זאל וויסען די קענען ניקור, היימישע רבנים. און די האבן די סמכות פון די התאחדות הרבנים, צו געבין סמיכה, פאר די בוטשערס וואס דארפן פארקויפן פלייש, און ס'זאל נישט קענען א איד פארקויפן קיין פלייש סיידען אויב ער איז א מנקר. מען מוז דאך מנקר זיין, אבער ער האט א מנקר, וואס ער איז דארט שטענדיג וואס ער איז דער קוקט איבער אלע, און דער מנקר יהי' מי שיהי', ס'דא מנקרים, וואס האבן סמכות, דער קראסנער רב ז"ל איז געווען אין אייראפע, האט ער דארט איין געפיהרט א שחיטה האט ער געמוזט האבן מנקרים, איז דא א פאר אידן, וואס ער האט זיי אויסגעלערנט וואס זיי האבן זיך אויסגעלערנט, און ער שרייבט אויף זיי איך בין

אויף זיי מעיד, זיי קענען גוט די הלכה און זיי קענען גוט די מלאכה.
ס'איז דא אזעלכע, עס איז דא, ער האט פון פעסט, ס'דא פון סאטמארע נ־ית דין, ס'דא וואס זיי האבן אויסגעלערנט ראחובער רב איז דארט געוועזין[96].

**פאפער רב, מתערב**: מען מוז אלץ מוסיף זיין אויף די... לדעתי, העט אי־געמיינט, דער התאחדות הרבנים זאל ממנה זיין דריי רבנים זיי זאלן זיך אר״ין לעגן אין דער הלכה, בכל פרטותי׳ ודקדוקי׳, ווייל איך מיין רוב רבנים זענען נישט דערינען, אין דעם, דאך גם אני בתוכם איך בין נישט בקי אין מציאות פו־די עניינים. און ס'מוז זיין די התאחדות הרבנים זאלן ממנה זיין דריי רבנים אדער אפשר מער נאך, און זאלן זיך אריין לעגין, ראשם ורובם בכל פרטי׳ ודקדוקי׳ פון די הלכה, און זיי זאלן נאכדעם זיין דורך קוקען איבערקוקען די בוטשערס[97]..

**הרב מסיגעט מוסיף**: און יעדער מנקר מוז באקומען פון די דריי רבנים אז ער האט זיי אויסגעלערנט אז זיי קענען דעם נסיון זיי קענען די הלכה און זיי קענעז[98].

**הרב מפאפע**: און די דריי רבנים זאלן לפרקים גיין טאקע באקוקען ביי די מעשה, צו מען האלט אײן די דאס צו נישט, און נאך דעם ווען די דריי רבנים וועלן שוין זיין ממש בקי בכל פרטי׳ ודקדוקי׳, און מיט אלע אופנים, נאך דעם למען השקט הרעש זאל מען זיך צוזאם קומען מיט די ארץ־ישראל'דיגע, די וואס האבן געמאכט דעם שם רע, און מען זאל זיי ווייזען אז דער שם רע איז נישט דא[99].

**הרב מסיגעט ממשיך**: דער פאפער רב, איז נישט גוט אינפארמירט — זעה איך — איין מינוט הערט, נישט פון איצט, איין מינוט! הערט זיך איין א רגע. הערט מיך אויס לאט מיך אויסרעדן, נישט קיין ארץ ישראל'דיגע האבן דא געמאכט דעם רעש, נישט קיין ארץ־ישראל'דיגע, דאס האבן געמאכט היזיקע האבן דא געמאכט, זיי האבן נאר גענומען די ארץ ישראל'דיגע, אז זיי זאלן זיי זעהן עפעס צוהעלפן, ווייל די אין א״י האבן זיי א זעלכע מנהגים וואס איך האלט, אז מ'דארף דאס נישט איין פיהרען דא, ווייל אונדז האבן מיר גארנישט צו טאהן מיט די ספרדישע מנהגים, וואס זיי האבן דארטן געהאט, אין א״י בשעתם ווען מען האט דאס איינגעפיהרט, איז געווען, האבן אלע אשכנזים די גדולים האבן מוחה געווען. זיי האבן נישט געהאט קיין ברירה מען האט אויף זיי ארויף געצוואונגען ווייל דיביידע רעגירונג, ביי די טערקישע רעגירוג, זענען דענטסמאל די ספרדים געווען אין מורה אין כח דער חכם באשי, האבן זיי נישט געהאט קיין ברירה זיי האבן נישט געקענט האבן קיין שחיטה האבן זיי געמוזט אונטער ווארפן זיך אונטערן ניקור. אונדז איז דאס גארנישט מחייב, מ'האט זיי דעמאלטץ געווען בכפי׳ און יעצט א וודאי נישט.

וואס דארף מען אונדז האבן מיר עפעס אוועק גיין פון אלע מנהגים פון ד׳ אשכנזים אבות אבותינו, האבן געפיהרט וויא ס׳איז נישט געווען קיין.

פאפער רב ממשיך: הוא גופא זאל מען מסביר זיין פון דעם, אזאך וואס ס׳איז במנהגא תליא מילתא, איז נישט (סיגעט נאר במנהגא תליא מיתלא) פאפע נאר, ברויך מען נישט קיין ראיות, נאר מיט דעם אליין וועט מען משקיט זיין דעם רעש[100]

הרב מסיגעט בקול: ניין! הערט זיך איך האלט, דעם רעש דעם רעש דעם רעש, איז שוין נשקט געווארן, ס׳איז נישטא וואס צורעדין. דאס ווייסט יעדער איינער. אז דאס איז געווען פשוט, א עלילה איך האב פריערט געזאגט, נישט קיין עלילת דם נאר איין עלילת חֶלב, אויסגעטראכט אויף די בוטשערס[101].

הרב מפאפא עונה: איך זע דאך, דער קאשויער רב שרייט נאך היינט געוואלד[102].

הרב מסיגעט עונה: גא, וואס זאל איך טאן ער וואלט ווען געוואוסט... קודם איך ווייס נישט צו ער שרייט נאך, איך ווייס נישט צו ער טוהט. מיר דאכט זיך ער ווייסט זיכער גוט ער ווייסט שוין היינט וואס איך האב איהם געזאגט ערב יו״כ. הערט אויס, ווען איך האב געהערט האב איך געזעהן דאס צעטיל וואס ער האט ארויסגעגעבן, איז געווען ערב יו״כ האב איך איהם אפגערופן אויף דער נאכט. ערב יו״כ איך האב איהם געבעטן ברחמים. קאשויער רב, איך האב געזעהן איהר האט ארויס געגעבן א צעטל, אז ס׳דא חלב דאורייתא, און איך גלויב אז מען האט אייך אן געפיהרט, איך גלויב נישט דערין, אבער לאמיך ווייזן לאמיך גיין, נישט איך וועל גיין אליין, איך האב איהם געזאגט דער מאנטעווידער רב[103].

ער שרייבט דאך מיר אין בריעף צו איך האב איהם דאס געבעטן, און דער אודווארער ווייס איך, איז אויך א בקי, ער האט זיך אבגעגעבן א ביסעל מיט דעם. לאמיר זיי גיין ווייזן פאר די אידן, אז ס׳איז עפעס דא, איך האב איהם געזאגט נישט קיין חלב דאורייתא א דרבנן העסטו מיר ווייזען, רוף איך אויז במעמד. אין ביהמ״ד איז געווען א גרויסער עולם, מען זאל וויסן מען טאר נישט עסען.

איך האב איהם אזוי, איך האב איהם פשוט איהר מעג מיט גלויבן איך האב געוויינט פאר איהם, נישט פשוט זאך געבעטן איך האב איהם געזאגט, קוקט׳ס, ער ווייזט דאך ער האט געררודערט, איך האבן געזעהן איך קען נישט דאס איהם פועלן, איך האב איהם געזאגט עס איז ערב יו״כ אויף דערנאכט. איך האט איהם געזאגט, ביי מיר איז אזוי אויך ערב יו״כ, ווארטן מיך דא אן א שיעור מענטשן, איך מוז זיי אבער קודם כל... זאפארט איך געה וואו דו ווילסט, און איך וועל מיטנעמען צוויי — איך האב איהם געזאגט — רב יחזקאל׳ן וועל איך מינעמען, דעם דיין, ער ווייזט אך אויך שוין א ביסעל פון דעם, לאמיר גיין וויז אונדז איז

ס'איז עפעס דא א איסור דרבנן, רוף איך אויס, דארפסט נישט מער... איך רוף איך אויס מען טאר נישט עסן, און איך האב נישט געקאנט ביי איהם פועל'ן[104].

אזוי ווייט, איך האב געזאגט, הערט מיך אויס קאשויער רב, איך האב געקענט אייער רבי, ווייל איך האב געהאט הורמנא פונעם קאשויער רב, און מאלט איך אויס צו אייהר רבי וואלט אזוי געטאן.

איך גיי צו אייך איך האב איהם געזאגט — סאטמאר רבי — אזא טיטל האב איך. און איך בעט אייך, עס שטייט דא טויזענטער אידן, און איך וועל זיי זאגן זאלען פאלגען, שטעלן זיי איין וועלען זיי נישט עסין. טועם זיין קום ווייז עפעס טוה עפעס, עפעס לאז מיך זעהן[105].

יו"ר שואל: וואס האט ער געענטפערט?

הרב מסיגעט: וואס? ער האט מיר געענטפערט: ער איז נישט קיין מלאך. ער קאן נישט ביי נאכט, פארשידנס, ער האט מיר געענטפערט, בארידטשובער רבי (אחד מעורר ומזכיר...).

הרב מסיגעט בקול: ניין! הערט זיך איך האלט, דעם רעש דעם רעש דעם רעש, איז שוין נשקט געווארן, ס'איז נישטא וואס צורעדין. דאס ווייסט יעדער איינער, אז דאס איז געווען פשוט, א עלילה איך האב פריערט געזאגט, נישט קיין עלילת דם נאר איין אלילת חֵלב, אויסגעטראכט אויף די בוטשערס[101].

הרב מפאפא עונה: איך זע דאך, דער קאשויער רב שרייט נאך היינט געוואלד[102].

הרב מסיגעט עונה: נא, וואס זאל איך טאן ער וואלט ווען געוואוסט... קודם איך ווייס נישט צו ער שרייט נאך, איך ווייס נישט צו ער טוהט, מיר דאכט זיך ער ווייסט זיכער גוט ער ווייסט שוין היינט וואס איך האב איהם געזאגט ערב יו"כ, הערט אויס, ווען איך האב געהערט האב איך געזעהן דאס צעטיל וואס ער האט ארויסגעגעבן, איז געווען ערב יו"כ האב איך איהם אפגערופן אויף דער נאכט, ערב יו"כ איך האב איהם געבטן ברחמים, קאשויער רב, איך האב געזעהן איהר האט ארויס געגעבן א צעטל, אז ס'דא חלב דאורייתא, און איך גלויב אז מען האט אייך אן געפיהרט, איך גלויב נישט דערין, אבער לאמיך ווייזן לאמיך גיין, נישט איך וועל גיין אליין, איך האב איהם געזאגט דער מאנטעווידער רב[103].

ער שרייבט דאך מיר אין ברי‍עף צו איך האב איהם דאס געבעטן, און דער אודווארער ווייס איך, איז אויך א בקי, ער האט זיך אבגעגעבן א ביסעל מיט דעם, לאמיר זיי גיין ווייזן פאר די אידן, אז ס'איז עפעס דא, איך האב איהם געזאגט נישט קיין חלב דאורייתא א דרבנן העסטו מיר ווייזען, רוף איך אויז במעמד, אין ביהמ"ד איז געווען א גרויסער עולם, מען זאל וויסן מען טאר נישט עסן.

# כדת של תורה

איך האב איהם אזוי, איך האב איהם פשוט איהר מעג מיט גלויבן איך האב געוויינט פאר איהם. נישט פשוט זאך געבען איך האב איהם געזאגט, קוקט'ס, ער ווייזט דאך ער האט גערודערט, איך האבן געזען איך קען נישט דאס איהם פועלן, איך האב איהם געזאגט עס איז ערב יו"כ אויף דערנאכט, איך האט איהם געזאגט, ביי מיר איז אזוי אויך ערב יו"כ, ווארטן מיך דא אן א שיעור מענטשן, איך מוז זיי אבער קודם כל... זאפארט איך געה וואו דו ווילסט, און איך ווע מיטגעמען צוויי — איך האב איהם געזאגט — רב יחזקאל'ן וועל איך מינעמען, דעם דיין, ער ווייזט אך אויך שוין א ביסעל פון דעם, לאמרי גיין וויז אונדז אי ס'איז עפעס דא א איסור דרבנן, רוף איך אויס, דארפסט נישט מער... איך רוף איך אויס מען טאר נישט עסן, און איך האב נישט געקאנט ביי איהם פועל'ן[104].

אזוי ווייט, איך האב געזאגט, הערט מיך אויס קאשויער רב, איך האב געקענט אייער רבי, ווייל איך האב געהאט הורמנא פונעם קאשויער רב, און מאלט אייך אויס צו אייהר רבי וואלט אזוי געטאן.

איך גיי צו אייך איך האב איהם געזאגט — סאטמאר רבי — אזא טיטעל האב איך. און איך בעט אייך, עס שטייט דא טויזענטער אידן, און איך וועל זיי זאגן זאלען פאלגען, שטעלן זיי איין וועלען זיי נישט עסין, טועם זיין קום ווייז עפעס טוה עפעס, עפעס לאז מיך זעהן[105].

יו"ר שואל: וואס האט ער געענטפערט?

הרב מסיגעט: וואס? ער האט מיר געענטפערט: ער איז נישט קיין מלאך. ער קאן נישט ביי נאכט, פארשידנס, ער האט מיר געענטפערט, באַרידטשובער רבי (אחד מעורר ומזכיר...).

יא, ער האט מיר געזאגט ער האט מיר געזאגט, ביז וויא לאנג ער האט מיר געזאגט,הערטץ' איך האב אים, שוין לאנג איך האב אים שוין אזוי לאנג דעמוטשעט, קען דאס זיין — זאגט ער — זיי האבן שוין ביז היצט געגעסן 30 יאר. עסין זיי שוין חלב, זאלן זיי ווייטער עסין, ער וועט דאס נישט אפלייקנען.

האב איך איהם געזאגט צו קאשוי רב, הערט מיך אויס קאשויער רב, איהר זאגט אזוי, דענטמאל האב איך איהם שוין געזאגט און האב געקאנט אייעהר רבי'ן דעם קאשויער רב ז"ל איך האב ביי איהם הורמנא, איך גלויב נישט אז ער וואלט אזוינס געזאגט, איך בעט אייך קומט זאגט, בקיצור איז געבליבען מארגן[106].

האב איך געזאגט גוט, בעסער וואלט געווען אויף דער נאכט, מיר איז פשוט בעסער געווען אויף דערנאכט, ווייל ערב יום הכיפורים איך בין ביזי און שלאגט מען שוין כפרות, איך האב נישט געוויסט זיך קיין עצה צו געבען האב איך איהם געזאגט איך גיי, זאל זיין, איז געבליבען מיט איהם, ווילסט נישט אויף דערנאכט איך געה מארגן[107].

נישט איך וועל גיין אליין, איך וועל זיין דארטן. מען זאל גיין מנקרים, און מ׳וועט זען וואס דו האסט געדטאפן. און איך האב איהם נישט געוועזן געפאלגנ ווייל מיר איז שווער געוועזן ערב יו״כ, איך האב געוואלט גיכער אויף דערנאכט, בין איך געגאנגען, איך האב אנגערופן דעם אדווערער רב, איך האב געוואוסט דער אדווערער רב האט אויס געדופן, אז מען טאר נישט עסין פלייש, איז ער דאך כשר. וועט שוין גוט זיין, האב איך איהם געבעטן קום אריבער רוהף אף דעם קאשויער רב. זאג איהם פארוואס וויל ער נישט היינט, דו געייסט היינט נאכט, זאג שוין לאמיך א עהר א אין, דערמאן מיך נישט מ׳וועט מיט גיין מען וועט גיין. דער אדווערער רב האב איהם אנגערופן. איך בין געוועזן פארנומען, איז ער געגאנגען אין די אנדערע שטוב, און צוריק געקומען, עס הולכט נישט, בשום אופן, דאס קען נישט זיין[108].

מיט׳ן אדווערער רב האט ער אפגערעדט שוין אויף דינסטאג, ס׳איז דאן געוועזן עריו״כ. איך האב געוואלט גיין אין דער פריה, זונטאג, א כלל איז געקומען דער אדווערער רב. ס׳איז נישטא וואס צורעדין, ס׳איז דינסטאג[109].

איך האב נישט געגלויבט, אז ער וועט פארט נישט קומען צו מיר ערב יום טוב. איך האב געווארט ערב יום טוב און איז נישט אנגעקומען, נא דעמאלטץ ערב יו״ט איז געוועזן יו״כ, האב איך שוין געזעהן, ווען דער קאשויער רב זאל מיינען טאקע ס׳איז פארוואס קען דאס פארהנען זיין, איך בעט דיך אזוי שטארק און ער בעט איהם, ער איז דאך כשר וישר פארוואס איז ער נישט גוט, ער וויהל נישט ס׳קען נישט זיין, האב איך דאך געזעהן, אז די מענטשן ארום קאשויער רב וויהלען נישט, וויהלען נישט ווייזען פשוט, ס׳איז גענוג געוועזן אז זיי האבן געזאגט[110].

האב איך יו״כ אויסגערופן אזוי ווי מען האט אויסגערופן אין פאפער ביהמ״ד האב איך נישט געוואלט האב איך יו״כ אויסגערופן, האב איך געמוזט אויסרופן, ווייל ס׳איז דאך געוועזן יום כיפור. מען האט דאך געפאסט יום כיפור, אויף דער נאכט דארף מען גיין עסין, איך דארף דאך עפעס זאגן פאר די מענטשן זאלן זיי עסין? זאלין זיי נישט עסין? האב איך געמוזט טאן, האב איך געהייסן אויסרופין אז ווער ס׳האט געקויפט פלייש, ביי אונדז אין בוטשער סטאר אין סאטומר סטאר דארט איז דא מנקרים אין עס איז פונקט, און מ׳קען עסין[111].

דאס האב איך געטאן, איך האב געזען, אז איך מוז דאס טאן, וואס זאל איך זאגן — אז איך וועל נישט אויסרופן, וואלט דאך געהייסן, וואלט שוין יעדער געוואוסט אין גאנצע געשעפט הייסט דאך, אז איך זאג אז מען טאר נישט עסין[112].

הערט׳זשע וואס, איז געגאנגען הער אויס אויף דעם ארויף, האב איך בעקומען דעם בריעף פונעם קאשויער רב, ער שרייבט, ער שרייבט די גאנצע מעשה, אז איך האב איהם קודם געבעטן, און ס׳איז געבליבען אויף דינסטיג —

# כדת של תורה

זאגט ער — האט ער שרייבט אז מיר האט ער געזאגט ער שרייבט מיר אזוי אין בריעף, מיר האט ער פארקערט, אבער אזוי וויא דער אדווערער רב איז דאך שפעטער געקומען, און הער האט איהם אפגרעדט אויף דינסטיג, און אזוי וויא מאנטיאג איז דאך געווען יום כיפור האט מען אויסגערופין אין סאטמאר ביהמ״ד, און דער פאפער רב האט אויסגערופן און דער דיין רב יחזקאל האט אויס גערופן, און דער דעברעצינער האט אויסגערופן, האבען אויסגעריפן אז מען מעג אזוי האט ער זיך מיישב געווען, ווייזט ער נישט מער, פטור אן עסק[113].

איז דינסטיג און מיטוואך ס'איז שוין דורך געגאנגען ביז סוכות, איך האב נישט געהערט גאר נישט נאך רעדן, גאר נישט געהערט, באמת איך קען דאס נישט פארשטיין וויא אזוי א זאך קען זיין, ער האט מיר אפגערעדט דינסטיג, איבער־דעם, ווייל איך האב אויסגערופן אז ביי אונדז איז דאס כשר, עטץ האט געזען[114]. בקיצור, און אזוי איז דאס געווען ביז וויא לאנג ס'איז געוואוין סוכות, אין סוכות בין איך נוהג צו רעדן יעדעס יאר פאר די אברכים, דענטצמאל האב איך פארצלייט די גאנצע מעשה, און בעפאר איז שוין געקומען, אז זיי ווילן קומען, האב איך שויו גישט געוואלט טוהען[115].

בקיצור, וויל איך אייך זאגן אזוי בענין זה, ווייל דער פאפער רב, האט פריהרט געזאגט, איינשטילין דעם רעש, איינשטילין דעם רעש, איז אזוי, דער וואס ער וויל מאכן אזא רעש, קען מען זיך במילא נישט העלפן, און איך האלט ביי מיר גאר נישט קיין התחייבות לגבי די מענטשן, וואס האבן ארויס געברענגט אויף אזא מין אופן, פשוט, וואס זיי האבן געוואלט אונדז ממש, אין די גאנצע וועלט ארויס ווייזען אז ס'זיצען דארט אידן, ער שרייבט דא, אלפים ורבבות אידן עסין חלב, איז אן א שום ברכטיגונג (הרב מווינא מזכיר... נאך איינס)[116].

(ממשיך) פאד דעם האב איך נישט געוויזען, חוץ דעם, ס'איז גארנישטא וואס צוזאגן וואס זיי שרייבען דא אין בריעף, ס'האט געהייסן איהר בעקומט אויך דאס בריעף, נאר זיי האבן שוין געזען, ביי מיר האט דאס נישט געמאכט גוט, האט איהר נישט בעקומען.

דער בריעף איז פארגעברייט צו צושיקען, איך וועל אייך זאגן נאך אזאך, דער בריעף, וואס שרייבט דאס, איז פארגעבער — איהר קענט זעהן — צו שיקען פאר אלע אידן אין דער גאנצע בכל תפוצות ישראל, און דארט אריין שרייבען, אז ווי מען איז, אזוי זעהן אויס דארטן די רבנים, זיי זענען אלע פארקויפט, ס'איז גארנישט נאכצוזאגן וואס דאס איז[117].

יעצט הערט זיך איין וואס איך וויל זאגן, וואס מען דארף מיר צוטאהן, אזוי וויא מיר האבן פריהערט געשמועס, מען דארף זען דעם ענין פון ניקור צוברענגען. ס'זאל זיין אן איינאיינציגע זאך, הן וואס ס'האנדלט זיך אין די הלכה, צו זאל מען יא נוטצין צלע י״ב צו נישט, וועט מען זיך געדארפט צונויף

זענען די רבנים. איך מיין נישט איצטערט, ס׳ברענט דאך נישט, אזוי שטארק, אז טאמער טוהט מען מנקר זיין די צלע י״ב, אזוי וויא דער חת״ס זצ״ל האט געזאגט, איז אוודאי אז מען קען נישט זאגן אז חלילה אז מען טאר דאס נישט טאן חלילה וחס, און מען האט דאס אין זייער אסאך מקומות געטאן.

א וודאי דארף מען דא עפעס טאן, מען דארף וועגן דעם דן זיין, מען דארף טאהן, אזוי וויא ער האט פריער געזאגט, רוב דעות, צו מען זאל אליין טראכטען, מען זאל דאס טאן. שוין, און אזוי וועט מען קומען צו דעם[119].

און דערוייל האבן מיר אונדז דאך געמאכט א שטיקעל תיקון, אז די קצבים באקומען נישט קיין פלייש וואו ס׳איז דא חֵלב, אונדז האבן יא גראדע עוסק געווען ביז יעצט אין דעם, טאקע מיט׳ן ווינער רב, און מאנטאורידעא אויכט, מען האט אזוי איין געמאכט, אז באקומען היינט גארנישט די קצבים קיין פלייש וואס מען דארף אפילו טרעייבערין, אראפגעשניטען, ס׳איז גארנישט דא, אזוי היינט איז עס ב״ה אזוי בסדר אזוי וויא איך האב איצט געזאגט, נאר מען קען ביי דעם נישט בלייבן, ווייל דאס איז נאר אזוי געמאכט צייטווייליג מען זאל אפשניידן גאנצע שטיקער שניידט מען אפ וויא ס׳איז דא אוואו מען דארף טרייבערן. האט מען דאס גאנצע חֵלב אראפגעשניטען (...שואלים ובלתי מובן). תשובה: יא יא די שטיקעל יא, נאר חלב יא, נו פארשטייהט זיך[120].

איצט איז אזוי וועט מען זען, דאס דארף מען זען דן צו זיין, אז ס׳זאל זיין אזוי, און במילא מיט דעם וועל מיר אפקומען.

(פאפער רב!!! מען טאר זיך נישט פארלאזען אויף די מנקרים אפילו זיי זענען מומחים, ס׳זאל זיין רבנים וואס זענען בקי בכל פרטי׳ ודקדוקי׳)[121].

ממשיך: דאס וואס דער פאפער רב האט געזאגט האב איך דאך פריהערט געזאגט, אז מען זאל דא אויסוויילן 3 — 4 רבנים צו 5 וואס זאלן זיך מעלדן, אז זיי ווילן זיך אויסלערנען ניקור, זיי וועלן טוהען אגרויסע טובה פאר׳ן אונדזער ציבור, און די זאלן זעהן און די אלע בוטשער׳ס ווער עס פארקויפט פלייש, די מוזען האבן פון זיי א חתימה[122].

יו״ר טארטיקאווער: ...מען גייט אוועק פון א אסיפה (ווינא מפסיקו — ס׳מוז ארויס א דבר ברור)[123], ביז מען ארלעדיגט נישט א זאך

המשך: מען טאר נישט אוועקגעהן, זאג איך אז דערווייל חאטש די רבנים האבן נאך גארנישט אויסגעלערנט זאלן די רבנים נעמען צו א מנקר וואס מען ווייסט ער קען. ... א רגע א רגע, דערווייל איז די, דאס זאל מען שוין ארויס־געבן א קול קורא אז מען בעט קיין שום איד זאל נישט עסן קיין פלייש, דארטן וויא ס׳איז נישט דא קיין השגחה, ווייל דער חסרון איז נישט צו פון האלטן א בוטשער־סטאר. צו פון מיל־מארט, צו דאס, ס׳איז דא אן א שיעור בוטשערס וואס האבן נישט קיין שום השגחה און גארנישט (אחד שואל בקול: דער משגיח אליין קען דאך נישט?).

# כדת של תורה

תשובה: נו, ווייטער (סיגוט, א מינוט א מינוט הערט זיך אויס)[124]. המשך: דאס זאל מען שוין טאן די צוויי זאכן, אז נישט קיין השגחה זאל מען נישט קויפן, און דאס איבעריגע זאל מען שוין די 3 רבנים חאטש זיי קענען גאך נישט, זאלן זיי צונעמען א מנקר וואס מען ווייסט ער איז גוט אדער מען זאל שיקן רופען, איהר לעייגט דאס אפ איז גארנישט ווערן, דאס זאל מען שוין טאן און דערווייל זאל מען זיך אויסלערנען, און דערווייל זאל מען זיך אויסלערנען, מען זאל צונעמען א מנקר, און מען זאל שיקן רופן יעדן בוטשער, און זעהן צו ער קען[125].

ווינא: מאנטאווידער רב קומט גאר אהער, איך וויל מיט אייך רעדין).

המשך: א רגע איך וויל בעטן דעם עולם, אזוי מען וויהל דאך פיהרן, א שטיקל אסיפה "פארלעמענטאריש"... צו זאגן אזוי וויא ס'איז דא רבנים וואב האבן זיך געמאלדן צום ווארט, צו מען וועט זיי יא פאלגן צו נישט פאלגען[125*], וויל איך זאל מען אויסהערן די פאַר רבנים, דער ערשטער האט זיך געמאלדן דער אדווערער רב, דערנאך האט זיך געמאלדן דער טענקער רב, דער נאך האט זיך געמאלדן דער ווייצנער רב, און דער וויזניצער רבי'נס זוהן, זאל מען דערווייל אויסהערן די פיהר און דער נאך וועט מען קומען צו א החלטה, לאנדסבערגער רב, אבער איך וויהל בעטין דעם עולם איך וויהל געבען צופארשטיין א זאך וואס איך ווייס שוין פון אסיפות, אז מען ברויך עפעס זעהן, דעם תיקון וואס מ'ברויך שוין דער ווייל — יא יא — לאדאנער רב — דערווייל איז דער ערשטער געוועזן נאך איידער ס'האט זיך אנגעהויבן די אסיפה, דער אדווערער רב[126].

הרב מווייצען שואל: אפשר שטעלט מען אריין דעם אראדער רב אין די רשימה א איד וואס קען דעם פאך?

יו"ר תשובה: נו, ער וועט אויך קענען זיך אן רופען, ער וויל זיך מעלדין צום ווארט, מען מוז דאך גיין מיט א סדר, יא אראדער רב אויכעט[127].

הרב מפאפא: די רבנים זאלן זיך נישט באווייזען פאר די מנקרים, זיי זאלן נישט זיין תלמידים פון די מנקרים, זיי זאלן זיין אייגענע מבררי הלכה, ווייל געוועגדליך ביי דער זאך זענען די רבנים תלמידים פון די מנקרים, און דאס איז נישט דאס ריכטיגע.

(רעש, כולם מדברים, יצחק גליק מכריז! מ'בעט יעדן מען זאל נישט אריין רעדין אין דערמיט)[128].

המשך יו"ר: איך וויהל פשוט זאגן איר ווייסט דאך, ס'איז דא אן א שיעור מחו־חרי ריב, אז מען וועט נישט צולאזען קייגעם צום ווארט וועט מען ארויס גיין אינדרויסן זאגן... מען מוז צולאזין יעדין צום ווארט, דער נאך וועט מען מאכן א החלטה[129]...

**אדוועטער רב:** מורי ורבותי, אזוי ווי היינט איז ב"ה דא א שיינע אסיפה פון די רבנים קען מען נישט אוועק לאזין פאר נאך א אסיפה. זעלטין קומט צוזאם קיין עין הרע אזויפיהל רבנים, מ'ווערט אוועק גיין מיט א גארנישט טויג דאך נישט, איך וויל נאר פרעגן א קושיא, איך וויל נישט מפקפק זיין אויפ'ן ווינער רב און אויף קיין שום רב נישט[130]. איך ווייס אז אונדז וואוינען מיר היינט אין אמעריקה, נישט אין ראצפערט, און נישט אין אדווארע, און נישט מיט אמאל אין אנדערע שטעט נישט, אין אמעריקע איז לכאורה א הפקר וועלט, און די דורות ווערן יעדן טאג שוואכער און שוואכער, היינט איז דא א בוטשער־סטאר פאר אידן, שפעטער איז נאך שוואכער, אזוי גייען די דורות מיר זעהן דאך די דורות פאלען.

**יו"ר:** א רגע, נישט קיין רבנים, נישט קיין מורה הוראה'ס.

**יצחק גליק מכריז:** מ'בעט זייער די וואס באלאנגען נישט צו די אסיפה זענען נישט קיין רבנים קיין חברים פון התאחדות הרבנים זאלן מוחל זיין נישט צוזיין דא אין זאל[131].

**המשך:** מען זעט אין אמעריקע, לאמיר זאגן, אויף א מצוות עשה, אויף א אתרוג, יונגעלייט ספענדין גרויס געלט, און יעדע מצוה, תפילין קאסט געלט, א מזוזה קאסט די טייהערסטע אויף יעדע מצוה ספענט מען גרויסע געלטער, צדקה ווארפט מען טויזנטערס, אין זעלבע אין עניני גשמיות, טאמער איז דא א מנהג אין פאריז דעמאלטץ חאפט מען דעם מנהג אויף איבעראל, און טאמער אונדז האמיר א דירה, מען דערמאנט זיך נישט, אין דערהיים איז דאך א מנהג געוועז אז מ'האט ג'האט נאר 2 שטובער אין דערהיים, מען זאגט דאס נישט, אבער דאס זעלבע אין דערהיים האט מען גענוג גיהאט אז מען האט געהאט נאר איין קלייד אויף אלע חתונות, זה לא, מען לעייגט אריין, מען ספענד טויזינטערס און טויזנטערס, סיי אויף ענייני רוחניות, אין הכי נמי סיי אויף גשמיות, אויף איין מאל, דא האנדעלט זאך אין א ענין פון א ספק דאורייתא, איז נישט די אלע זאכן ליעגענט, טאקע א בלבול, אזוי ווי דער נשיא זאגט ס'איז א בלבול, אבער דער נשיא שליט"א, האט מיר געזאגט אז ער וויל היצט מתקן זיין אלע חומרות, וואס ס'איז נאר מעגלאך, פארוואס, ווייל דאס איז געמאכט געווארן אויף לדורות, איז במילא אזוי, היצט האלט מען ביים חלק החתם סופר[132].

אין דערהיים איז געווען א געוואלדיגע ארימקייט, איך געדענק נאך אין דערהיים אפיציל פעטין, איז געווען א געוואלדיגע ענין, במילא און נאך אזאך, אין דערהיים, טאמער האט מען געמוזט פארקויפן פאר'ן גוי נאך א שטיקעל חלק אחוריים, איז אגעוואלדיגע זאך, איך געדענק דאך אין דערהיים פון גאנץ גוט וואס ס'איז געווען, יעדער שטיקעל פלייש איז געווען טייערה,

במילא האט מען געמוזט זוכען אויף אן אופן מקיל צו זיין. פארוואס זאלן מיר אונדז זיין די מענטשין, פאר וואס זאלן מיר זיין די מיקל'דיגע מענטשן, פארוואס? אונדז ברויכן צו זוכין די גרעסטע חומרות וואס קען זיין, איך ווייס לאמיר זאגן, איצט זאגט מיר דער סאטמארער דיין הרב אויש אז אין גאנטץ זימבערגען האט מען נישט גענוצט נאר ביז צלע י״א, איך האב אן גערופען היינט, מאנטשעסטער, ענגלאנד, נאר צלע י״א. איך האב אן גערופן נעכטן נאכט, סקווער, צלע י״א, איך ווייס אסאך און ער ברענגט דער שתי הלחם, אז מען רעדט פון צלע י״א קיין שום צלע י״ב[133].

אויף איין מאל, זאל מען זוכן ווייל מען האט געטראפן א קולא א חת״ס, וואס ער איז משיב פאר פרעשבורג, זאל מען מקיל זיין לויט דער תשובה, זאל מען אלע קולות אן נעמען.

וויא אין דערהיים איז געוועזן, אנפירען די אלע זאכין, אין אלע עניינים, דערווייל אין אלע עניינים געט מען אויס געלט, הונדערטערס און טויזענטערס, און פונק א מצוה זאך זאל מען קוקען — איך האב געטראפן א חת״ס[134].

איך האלט — ניין — איך האלט, מען איז מחוייב אן צונעמען אז מען וויל מאכן א תיקון לחומרא, אוף לדורות איז מען מחוייב אן צונעמען אלע חומרות טאקע, טאקע אלע חומרות פארוואס זאל יעדער איד וואס איז דא.

די אלע אינגעלייט, די כולל אינגעלייט, אלע אידן ווילן נישט עסין קיין פלייש, נאר ס'איז אויסגעהאלטן לויט אלע חומרות, עכסטינס אז איינער וויל נישט, וועט זיין א ״כשר״ מיט ״מהדרין כשר״, מהדרין כשר, אז ס'איז דא פוסקים וואס זיי אסרן, פוסקים וואז איז חלב, טאר מען זיך נישט אריין לאזען אין ספק דאורייתא. (בטעייפ יש כאן ערבוביא גדולה של קולות התקפה — על הרב הדובר — שא״א לפענחם, ירחם ה׳)[135].

**ממשיך**: איין רגע איין רגע, דער אגור זאגט ווען ס'האנדעלט זיך א ספק חלב — אגור — הייסט דאס ספק איבוד הנפש, איז אזוי בממילא א געוואלד אונגערישע קהילות האט מען נישט גענוצט דער צלע י״ב אויך נאר ביז צלע י״ב, האט מען גענוצט — דאס איז איין זאך[136].

נאך אזאך דער נשיא האט זייער אפיינע זאך געזאגט, אז מען שניידט איין ביים צלע י״ב און נאר פריהערט, קען מען אפגעהיטן ווערן פון פארשידענע מכשולות.

דאה אין אמעריקע, שניידט מען רוב מאל אין חלק אחוריים[137].

טאמער שניידט מען אבער צלע י״א אוודאי דעמטלטץ קומט אויס (אחד שואל: מען שניידט רוב מאל אין חלק אחוריים). תשובה: יא, יא, יא — קומפט פאר, יא, אז קומט נישט פאר, אזוי וועט נישט פארקומען, און נאך

פארשידענע זאכן וועט מען באהיטן[138]

דער טרפש קומט אין גאנצן אריין, דער צווייטער זייט פון טרפש איז דאך חלב דאורייתא, און דאס קען מען זייער שווער אקלינען, למעשה זאגן מיר יא, למעשה יא בא די כסלים אונטען אז דא א קרום העב, א קרום הדק, טוהט זאך מיט די חלב אונטן אז רוב פוסקים וואס וואס זיי אסר'ן, פאר וואס זאלן מיר אונדז זיין די מענטשן (כאן יש קולות וזעקות מכל הצדדים באנדרלמוסיא גדולה) – ס'איז א כלל אין אלע ספרים, און אר"ש איז דאס אין שבת, אז א איד דארף אוועק לויפן פון צ"ט שערי היתר, ער זאל נישט אן קומען צו איין פון שער איסור, עם כל זאת, לויטער איידלע רבנים וועלן אוועק גיין אננעמען אלע קולות,– יא מיר האבן מיר א היתר – מיר האבן מיר א היתר[139]

וואס הייסט א היתר. אונדז. ברויכען מיר אנצונעמען אלע חומרות, צאם שטעלן אלע חומרות, ווען איינער וויל נישט האבן אלע חומרות, וועט עס זיין כשר נישט "כשר למהדרין", למהדרין כשר, ברויך אויסצוהאלטן לויט אלע שיטות אזוי האלט איך (כאן יש וויכוח חם מאוד בלתי ברור)[140].

**טענקער רב** (יו"ר מכריז מען בעט דעם עולם זאלן נישט רעדן לאנג, ווייל מען מוז דאך נאך קומען עפעס צו החלטות).

**מתחיל:** איך וועל רעדן גאר קורץ, און איך וועל נישט שרייען אזוי וויא דער אדזוערער רב ווייל דער אודוואערער רב ווייל איך האב אויך אמאל געקענט בעססער שרייען, וויא דער אודוואערער רב...

**יצחק גליק מכריז:** מען בעט זייער, מען זאל נישט רעדן דארטן אונטען, ווייל מען קען נישט הערן וואס מען רעדט דא אויבן). לאמיר רעדן צו די זאך דאס וואס אדזוערער רב האט געזאגט, מען זאל אננעמען אלע חומרות, מען דארף נישט אננעמען אלע חומרות, מען דארף נאר אננעמען די חומרות וואס עס איז... דער חת"ס איז מתיר, און איך בין מעיד אז דער עצי חיים זי"ע, מרן רבי זי"ע, דער עצי חיים האט ער געזאגט דע לעצטע דיבורים, איז געווען פאר'ן גבעת פארן גבעת פנחס, ער האט געזאגט, ער האט מיר דערציילט, אז מען האט מנקר געווען בין צלע י"ב בין צלע י"ג דאס איז איינס. צווייטן, אין סיגעט האט מען זיך אזוי געפיהרט, אין גרויסווערדיין האט מען זיך אזוי געפיהרט, איז במילא ווער זענען די רובי קהילות? ס'האט זיך אדערפעל נישט אזוי געפירט? דאס האט מען זיך אזוי געפיהרט, און מיר דארפן נישט משנה זיין. מען וועט משנה זיין וועט מען זאגן, יא, מען האט שוין נאך געגעבן דאס אלטע (כאן יש זעקות גדולות בלתי ברורים).

ניין, הערט זיך איין, איך רעד יעצט, מען דארף נישט משנה זיין, מיר קענען זיין אזעלכע ערליכע אידן וויא דער חת"ס איז געוועזן (הקולות נמשכות כל הזמן)[141]

די לעצטע דיבורים איז געווען דארטן, און איך וויל זאגן נאך אזאך רבותי, וואס הייסט מחמיר זיין, דער בעלזער רב זי"ע, האט אמאל אריין גערופן א אידן און ער האט געזאגט, ער זאל עסין שטאפ־לעבער, מען זאל עם מאכן אשטאפ־לעבער מען האט געמאט, אריין גערופן האט ער געזאגט, איך וואלט ווען גערן ג'געסן שטאפ־לעבער, איך זאל כולל זיין זיך מיט אלע אידן, וואס עסן, מיינע אבות האבן נישט געגעסן, מאך איך דיך פאר א שליח, עס אשטאטץ מיר, וואס האט יא געגעסן.

וואס א רייד איז דאס? וואס א רייד איז דאס? (לאמיר רעדין), איך וויל אויך רעדן, וואס פאר א רייד איז דאס, אז אונדזערע אבות הקי' אונזערע רביים, און אונזערע אבות האבן אזוי געמאכט דעם ניקור, אזוי וויא דער ווינער רב האט דערציילט, ווינער רב זאל זיין געזונט האט אזוי דערציילט, אז דער קרן לדוד, האט חוזר געווען ווייל ער האט געזען דעם חת"ס (כאן שומעים זעקות מכל הצדדים בלתי ברורים). זאל איך זאגן חלילה אז ער האט פארציילט נישט אמת[112].

**יו"ר:** שרייב אויף, אז דער אדווערער זאגט אז יא, און דער טענקער אז ניין, ארליידגט, ארלײדיגט, פארטיג, ווייטער! ווער נאך האט צורעדן[113].

**יצחק גליק:** דער וויזניצער רעביינס זוהן, וויל זאגן אפאר ווערטער, נו נו. טענקע אונדז טוה מיר מיט דעם מבזה זיין אונדזערע אבות און אונדזערע רביים, פארוואס זאל מען טוהן אזא מין זאך.

**ישראל האגער מתחיל:** לא איש דברים אנכי, איך האב קיינמאל נישט גערעדט, איבערהויפט בא אזעלכע רבנים. וואדען, איך בין געקומען, דער טאטע האט מיך געהייסן איך זאל נאר איבערגעבין, וואס לעולם איז דאס בערך אזוי וויא סאטמאר רב זאל זיין געזונט האט זאגט, אזוי וויא דער פאפער רב האט געזאגט אז מען זאל אויסלערנען אפאר אינגעלייט, דער עיקר איז דאך מכאן ולהבא, וואס מען זאל טוהן. אז מען זאל אויס לערנען אפאר אינגעלייט קודם די הלכות זאלן גוט גוט קענען. און נאר אווס דען, ער האט געבעטין נאך אזאך, אז נאך דעם וואס מען קען שוין דיא הלכות, דאס הייסט סיהאט נישט צוטאן מיט'ן בקיאות בעצם, מיט'ן ניקור, אבער אין די הלכות אליין, אויב ס'איז דא סכסוכים זאל מען מאכן א רשימה, אלע ענינים וואס ס'איז שייך בא חלב, דאס איז א איסור דאורייתא, דאס איז א איסור דרבנן, דאס איז א מנהג, און מען זאל, איך מיין די רבנים וואס וועלן זיין ממונה אויף דעם זאלן מאכן דעיי רשימה, מען זאל דאס אריבער שיקען, פאר אלע חברים פון די התאחדות הרבנים, ממילא קען יעדער איינער וויסן וואס סיהאנדלט זיך, מען קען וויסן צו די עוררות האט א ממשות, צו עס האט נישט קיין ממשות, אזוי ווייסט דאך נישט, איך מיין כמעט קיינער ווייסט דאך נישט וואס טוהט זיך.

און נאך דעם קען זיין, אז איינער אפי', לאמיר זאגן, מ'איז מחליט אויף א געוויסן אופן, אבער אמאל איז דא א איד, וואס ער וויל מחמיר זיין אויף א זאך, זאל מען וויסן, וואס ס'איז יא מותר, וואס ס'איז אסור[144].

און נאך דעם זאלן די אינגעלייט זיך אויסלערנן גיהעריג דעם בקיאות, נאר וואס דען דאס הייסט דעם אומנת פון דעם ניקור.

און נאך אזאך וואס ער האלט, אז עס מוז זיין א משגיח תמידי, איבעראל אין אלא בוטשער־סטראס, ס'הייסט ס'זאל דער משגיח, נישט קיין משגיח תמידי אינם סטאר, נאר אז עס מוז זיין אונטער רבנים, ס'הייסט לאמיר זאגן די 5 אינגעלייט, זאלן זיין די בעלי בתים אין די אלע בוטשער־סטראס, אז זיי זאלן קענען אריבער גיין, סיי ווען אז יעדער איינער וואס ער ארבעט אין דעם ענין פון ניקור, צו איז עס דער בעלעבאס דער מנקר, צו איז דאס סתם דער שמשל, דארט וואס ער ארבעט וואס ער טוהט די מלאכה, זאל ער וויסן אז ער אמאל פון צייט צו צייט קומט מען אריין, וואס די השגחה דער ניקור זאל אויך זיין אונטער השגחה פון רבנים, נישט נאר דוקא אונטער א השגחה פון א ראש המנקרים נאר פשוט ס'זאל זיין די רבנים, די רבנים וואס זענען בקי אין דעם, זאלן זיין אחראי אויף דער זאך, און אזאך וואס איז תלוי במנהג, ס'זענען דאך דא די גרעסערע רבנים פון התאחדות הרבנים, וואס זאלן מחליט זיין טאמער ווייטער איז דא שאלות, צו ס'איז א שאלה פון א דאורייתא, צו א שאלה פון א דרבנן, אז מען האט בכתב אז מען ווייסט דא פון וואס ס'האנדלט זאך, קען מען די זאך מברר זיין. קלארערהייט צו ווער ס'זאל נישט זיין, זאל זיין דער ירושלימער רב וועט זיין, דער מחליט אויף אזאך צו ס'איז א דאורייתא צו א דרבנן צו וואס, אז ס'איז דא עוררות מוז מען זען וואס דאס איז[145].

**אחד קורא:** איין ווארט, איין ווארט.

**אחד משיב:** נאך דעם, באלד, מעט גיין אין די ראיע, נאך דעם באלד, מען וועט גיין אין די ראיע.

**לאנדסבערגער רב:** ס'איז דא רבנים וואס האבן מיך שוין מקדים געווען, אבער אעפ"כ מוז איך זאגן מיין דעת וואס איך האב פריהערט אין זיינען געהאט.

דא פון דעם מאטעוועדעארס רבי'ס ווערטער בין איך נתעורר געווארן אז די פראגע, איז אויף געשטעלט געווארן אויף א פאר פונקטין.

קודם כל איז די שאלה, מיר רעדן נישט פון עבר — אזוי וויא דער פאפפער רב האט געזאגט — אל תזכור לי ראשונות, מיר האלטען יעצט נישט ביי ווער ס'האט דא געטאן א פעלער, ווער ס'האט יא געטוהן, ווער ס'האט נישט געטאן, מיר האלטן יעצט מתקן צו זיין וואס מען דארף מתקן צו זיין, ווען ס'זאל קיין מאהל נישט זיין קיין ערעור אין דעם און קיינער זאל נישט זיין

גערעכט אין דעם ענין און דער ערעור איז נאר א בלבול בעלמא, דעמאלט דארף מען אויך זען מתקן צו זיין. דא איז נישט די שאלה פון די בוטשעריען וואס זיי האבן ערליכע משגיחים, ס'איז פאראן דא למשל, סאקמאר האט ר' יושע גאלדבערגער, און איך ווייס נאך ווער ר' יעקב וואלף ליכטנשטיין, און ווייס איך, די זענען די מנקרים די קענען זייער הלכה און זיי וויסן וואס זיי דארפן צו טאן. אבער איך רעד עס איז דאס צום ביישפיהל, אזעלכע מנקרים וואס זיי האבען קיין אנהונג נישט, איך ווייס נישט וויא ווייט זענען גאר פארלעסליך אופן שמירת שבת, מען נעמט זיי אריין אלטץ ארבעטער, מען נעמט זיי אריין זיי זענען גארנישט פארלעסליך און זיי ווייסן נישט בין ימינם לשמאלם, און זיי האבן נישט קיין געפיהל מיט אמאהל פאר קיין כשרות, און נישט נאר זיי זענען נישט באגלייבט אויף כשרות ע"פ התורה. נאר זיי האבן גארנישט קיין אהנוהג פון דעם ענין[146].

דארף מען זען אז איבעראל, ווער עס איז געשטעלט מנקרים, איז נישט טייטש אז עס איז דא דער מנקר, איך ווייס שוין טאקע דארט אגעוויסע דארט אין א פלאטץ, וואו מען האט זיך פארצויגן, דער איז דער מנקר, און דער איז דער משגיח, האב איך יעניגען געפרעגט, די ביזט טאקער דער משגיח דארט? איי — זאגט ער — דאס וואס ס'קומט אן צו עם דאס איז ער מנקר אזוי וויא די הלכה איז, אבער אז ער זאל האבען השגחה אויף דעם וואס א צווייטער טוהט, דאס איז נישט אונטער זיין אחריות[147].

איצט קודם, דארף מען זען אז מען זאל איבעראל שטעלן מנקרים, וואס זיי קענען דעם פאך. און וואס זענען באגלייבט אויף דעם עפ"י התורה, אז זאלן מנקר זיין[148]

איצט קודם, דארף מען זען אז מען זאל איבעראל שטעלן מנקרים, וואס זיי קענען דעם פאך. און וואס זענען באגלייבט אויף דעם עפ"י התורה, אז זאלן מנקר זיין[148].

און אויסער דעם איז טאקע האלט איך צו, צו דעם וואס דער נשיא האט געזאגט, מען זאל שטעלן, מען זאל אויסלערנען אינגעלייט, וואס זיי זאלען טאקע אויף דעם געביט ארבעטין, זאל קענען די הלכה טאקע על בורי', און די זאלין קענען נישט נאר על בורי' פון שו"ע, נאר זאלן וויסן פון פראקציעס, זאלן וויסן פון די מנקרים וואס זיי האבן שוין געארבעט אין דעם און זענען פארלעסליכע און ערליכע, זאלן צו־צייגן א יעדע זאך וואס דאס איז, און וואס מען דארף צו טוהן, און וואס מען דארף מתקן צו זיין, און די זאלן האבן דער־נאך די השגחה אויף די אלע בוטשעריען וואס עס גייט דורך אפילו ווען ס'איז דא ערליכע מנקרים, און ערליכער זאלן זיי האבן די השגחה אויף דעם[149].

די צווייטע פונקט, וואס ער האט באריהרט דער מאנטעווידעאר רב. איז מיר

אויך געפאלין, אז עס איז דא מקומות — מ׳קען נישט זאגן אז אלע מקומות האבן אנגענומען די קולות פון חת״ס, אבער כדומה, למשל, ס׳דא מקומות וואס מ׳האט יא מחמיר געווען, יעצט דא איז דאך א שאלה אויב מיר קומען זיך זאם פון די גאנצע וועלט, איז אפשר טאקע די אידן פון די מקומות וואס האבן זיך יא נוהג געווען די חומרא אפשר איז בא זיי שייך דאס נותנין עליו חומרי מקום שיצא משם, נו, אפשר דארף מען טאקע טאן אזוי וויא דער אדווערער רב האט געזאגט, מען זאל טאקע זוכען אלע חומרות, פארוואס דארף מען זוכן היינט קולות, פאר וואס קען מען נישט יוצא זיין דעת כל הקהל, מען זוכט ביים אתרוג אדער ביי א אנדערע זאך זוכט מען יוצא צו זיין אלע שיטות, און אלע הידורים, א זאך וואס מען נעמט אריין אין זיך, און עס איז, מוז מען דען זוכן קולות?

איז אויב די מקומות האבן זיך נוהג געווען חומרות, זאלן מיר זיך אונדז אויך נוהג זיין דעיי חומרות, אפילו ווען נישט וועגן אונדז אליין אבער וועגן אנדערע אידן. (אחד משמיע קולו — מוציא לעז!)[150].

— נישט דא קיין ענין פון מוציא לעז, (רבים מכריזים! ס׳איז יא דא, ס׳איז יא דא!).

— וואס הייסטא מוציא לעז? ווען איך וויל? (סיגעט מתערב ומכריז: ...זיי זאגן בפירוש, אז מען טאר נישט מאכן קיין חומרות וואס מען האט נישט געמאכט ווייל מען איז מוציא לעז.).

— אויף דעם פלאטץ אליין, אויף דעם פלאטץ אליין, אבער דארטן, וויא ס׳איז דא בין קטיעא, ס׳איז דא מנהגי מקומות פון פארשידנע מקומות. (צועקים. והסיגעטער צועק הער דרייסיג יאר, דרייסיג יאר!).

...וואס הייסט, וואס הייסט. איינער קומט פון דעם פלאטץ און איינער קומט פון א צווייטן פלאטץ פארוואס זאלמען נישט קענען זאגן אז איך טוה דאס נישט וועגן מיר, איך טוה דאס וועגן יענעם. (קול רעש גדול. וויכוח גדול). קוק׳טס אין תשו׳ מהר״מ שי״ק אין לבושי מרדכי וועט איר זען אז ס׳גייט נישט אן קיין מוציא לעז, זיי האבן נישט געגעסן ווייל מען האט זיי נישט געגעבן צו עסין (רעש, רעש), אפשר טאקע, אפשר טאקע[151].

הרב מווייטצען! ווער האט דעם נעקסטין ווארט, ווער האט דעם נעקסטין ווארט.

הרב מווינער שואל: ווער איז נאך דא צו מעלדען?

הרב מסיגעט עונה: סערדאעלער רב: איהר ווילט זאגן (רעש מרובי מדברים)[152].

הרב מסערדאעל: איך וועל אייך זאגן, איך האב נאר אזויפיהל געוואלט זאגן, בא אונדז אין סערדאעל איז דאך נישט געווען אזא גרויסע קהילה, איז געווען א משגיח אויף ניקור, א משגיח וואס איז געווען מוסמך, א ת״ח דאס איז געווען זיין פרנסה, און דעם טאשנאדאדער רב׳ס ברודער, מען האט אם אהיין

געברענגט אויף סערדעאל אלטץ א משגיח אויף מנקרים, שוין וואס הייסט עפעס, וויא, וואס, ווען.

ס׳איז געווען א מעשה, א פאר יאר צוריק, מ׳האט מיך געפרעסט מיט א השגחה אויף א יאטקע אויף א שלאכט באנק, איך האב מיך נישט געקענט ארויסדרייען בשום אופן האב איך עס נאכדעם געזאגט, איך קען דאך נישט קיין ניקור אפילו. זאגט ער, איך קען דאך אבער גוט, ער איז טאקע פון די גוטע מנקרים אין סאטמאר, זיין טאטע איז געווען, און אלעס, זאג איך, אבער איך קען דאך נישט, אז איך קען נישט וויא קען איך. למעשה מוז מען דאס האבן, און מען דארף וואס ווייניגער רעדין פון דעם, וואס איז געווען אין עבר. ווייל... (הרב מסיגוט מפסיקו בהתעוררות: מען האט שוין אזויפיהל גערעדט, לאמיר זעהן צו איהר האט שוין געהאט די רבנים, וואס ווילן זיך אויס לערנען ניקור זאלען קענען.

הרב מווייטצען: איך וואלט געוואלט מאכן א שטיקל פשרה, איך וואלט געוואלט זאגן אפארשלאג. (הסיגעטער שואל: די ווילסט זיין? איין מינוט ווער וויל זיך אונטערנעמן, ר׳ שמואל ער האט זיך אנגעטראגען אויף דעם, שמואל פארשטייסט אן עסק אמת?, טאמער דארף מען זיך אויסלערנען ניקור מען זאל קענען עפעס טוהן, קודם לאמיר הערן ווער? ווער זאל זיין חיים אלעזר, כולל אינגעלייט — דער רבי זאל מוחל זיין — איך וויל נישט לאנג מאריך זיין (כולם מדברים) — אלע חומרות.

הרב מאראד! ס׳איז א בפירושער ריב״ש דער בית יוסף ברענגט עס אין הלי׳ מגילה... דער ריב״ש ברענגט א תו׳ הר״ן כמעט די ווערטער (קולות בערבוביא...) (ער האט זיך שוין אויסגעמענטשילט)[153].

(הרב מאראד ממשיך): אז וואס מען האט צו טוהן זאל מען טוהן אינאיינעם ווייל ווען א מענטש טוהט עפעס אין מילי דעלמא וויל ער אויך.... (מאוייך ובלתי מובן) א דבר המתקבל על הלב, אבער דא אז דער רבי זאל לעבן זאל מען אויפברענגען, קודם מודיע זיין פאדן עולם אז ס׳איז א גלייכע זאך, אוויכטיגע זאך אז מען זאל מוסיף זיין אלע חומרות, אבער עד כדי שרוב הציבור יכולין לעמוד בה, ביז דעמאלץ זאל מען נוהג זיין אלע חומרות ביז עס וועט זיין רוב הציבור יכולין לעמוד בה[154].

ווייטער, איך וואלט געוואלט משמיע זיין! נישט נאר פון אייגענע... נישט פון נסתרים נאר מען לייגט דארט געוויסע מאס... וואס מען וועט איבערצייגט ווערן אלז מער מבין, וואס עס איז טוט פארבעסערן ריין די ציגעגן דאס זאל מען... אויב מען זאל נישט מדקדק זיין אויף דעם, אז מען זאל נישט רייניגען קיין פלייש געפרווידינערהייט.

ווייל איך זאג אייך בהחלט, מענטשן האבן אויף דעם מודה געווען, אז מען רייניגט פלייש ווען עס איז געפראדען פארלירט די קענטעניש, חאטשיק אויף זיבעציג פראצענט (70%)... איך וויל ס׳זאל דאס איימיצער נאך זעהן[155].

(מדברים).

הרב מסיגעט מפסיקו בהכרזה הערט מיך אויס, דער פאפער רב אבער נישט קיין פרטים וועט ער רעדן מיט....

הרב מפאפא מתחיל לדבר ובלתי מובן, מהפרעת (מדברים רבים)[156].

הרב מסיגעט מכריז: לאטץ עם אויך זאגן, זלמן לייב, זלמן לייב, ווייטצענער רב[157].

מתחיל: איך וואט געוואלט זאגן א קורצע עדות.

פאר 6—7 חדשים צוריק, האט מיך אנגערופן, איינער אן אמעריקאנער, זייער א ערליכער, אבער ער איז איינער פון די הויפט אנפירערס פון דעם וואס זיי ווילען. די קול קורא׳ס מיט אלעס, כמעט דאכט זיך מיר ס׳קומט פון זיין קעשענע, ער טוהט דאס שטיצען. ער מיינט דאס ליידער ערלאך. ער איז א ערלאכער ירא שמים, האט ער מיך גערופן, און האט מיר צוגעזאגט א הון רב, איך זאל צושטיין צו די קאמפיין, און ארויסקומען מיט אקציע ארבעטן אסור׳ן דעם חֵלב, איך האב מיט עם איינגעטענת שעה׳ן, צום סוף איז ער געקומען — זאגט ער, און אויב דער קאשויער רב וועט דיר זאגן אליין, אז עס נישט כשר וועסטו מקבל זיין, זאג איך, יאָ. שוין דאס האט ער געפועל׳ט ביי מיר, ס׳איז דארך געגאנגען א פאר טאג, רופט מיך אן דער קאשויער רב׳ס זוהן, און זאגט איך בין דאס, מען האט מיר נאך געזאגט אז איר האט געזאגט. אז דער טאטע האט געזאגט, אז די פליייש איז כשר, דאס איז נישט אמת, זאג איך, איך האב דאס קיין מאל נישט געזאגט, נאר איך וויל אייך פרעגין האט דער טאטע געזאגט, אז דער פלייש איז נישט כשר, זאגט ער, חלילה, ער האט דאס קיין מאל נישט געזאגט, שוין — זאג איך — א גוטין טאג, מער האב איך נישט מיט דיר וואס צורעדין.

צומארגן דופט מיך דער אמעדיקאנער צוריק. זאגט ער, נו זעהסט, דער קאשויער רב׳ס זוהן האט מיך אנגערופן. ער האט מיר געזאגט, ער האט מיט דיר איינגעטענת 2 שעה, און האט דיר איבערגעצייגט, אז די פלייש איז נבילות וטריפות. זאג איך עם, הער אויס, אויב אזוי זענען אלע דיינע ידיעות אמת וויא דע ידיעה, זאג איך דעמאלטץ זע איך שוין וואס א דרך דו גייסט, ס׳איז נישט געווען קיין מער א סכסוך צווישן מיר און עם, איך האב נישט מיט עם צורעדין, ער האט מיר געזאגט אז דער טאטע האט נישט מתיר געווען, האב איך געפרעגט, האט ער דאס געאסרת, האט ער געזאגט, ניין, און א גוטן טאג. און דאס טייטש 2 שעה מסביר געווען.

דער אמעריקאנער דער זאגט נישט קיין ליגענט, אויף דעם קען איך זאגן עדות, דאס איין זאך[158].

שנית. האב איך געוואלט זאגן, איך וויל זיך נישט מסמיך זיין חלילה, דעם חת״ס, נאר דא אין שיקאגוי היינט וואוינט ער דא אין פלעדבוזש, א יונגערמאן הייסט ער ישעי׳ דיירעקטאר, ער איז געווען א תלמיד פון רב אהרן קאטלער ז״ל האט ער נאך געזאגט אזאן עדות: רב אהרן קאטלער ז״ל האט געהאט א קאר עקסידענט, איז ער געווען דארט ער האט אים משמש געווען, האט ער געזאגט יפשפש במעשיו. פארוואס די עקסדענט איז געשען, האט ער געזאגט כל ימי האב איך געפסק׳נת וויא דער חת״ס, און יעצט האב איך איין מאל געפסקנ׳ת אנדערש, דערפאר האב איך געהאט דעם קאר עקסידענט, אזוי האט רב אהרן קאטלער געזאגט (הרב ממאנטעווידעא: איך האב געהערט טאקע פון די תלמידים אויך) — איר האט אויך געהערט פון אנדערע תלמידים[159].

על כן רבותי! איך האלט, אונדז אונגערישע אידן וואס זיי האבן מקבל געווען חת״ס, אזוי וויא מען האט פארצייטן מקבל געווען דעם רמ״א, איז נישט דא קיין שום גרונד אז מען זאל חלילה וחס, אז א תשובת חת״ס זאגט קלאר ארויס, אז די וואס זענען מחמיר, זענען נאר וועגין דעם מחמיר, ווייל מען איז מנקר זיעם אחוריים, קומט אויס, אז דארט וויא מען נוצט נישט קיין אחוריים, איז מען בכלל נישט מחמיר, נאר וואס דען מיר דאכט זיך א פשרה וואס איך האב געוואלט פריהערט זאגן. אזוי וויא מ׳האט ארליידיגט ביי די וויינשטאקען אז זיי וועלן אראפשניידן ביז דער חת״ס איז, און נאך דעם וועט מען צוטיילען אין בוטשער סטאר, דער בוטשער טסאר וואס וועט פיהלען ער האט קונים וואס זענען מחמיר, איז געזונטרהייט, שנייד אראפ דארט פאר די דאס שטיקל[160].

הרב מסיגוט מפסיקו ומכריז: מען קען דאס נישט איבער געבן פאר די קצבים, איין מינוט, איין מינוט. לאמיר צו, לאמיך צו (הרב מאראד, איר זאלט מיר מוחל זיין אלף פעמים, איך זע אין דעם ענין פון ערלאכע אידן אזעלכע חסידים, ס׳זאל קענען יעדערער טאן, וויא מיין מחותן זאל לעבין, בין כך ובין כך, צו מען שליסט אפ, אז דער צלע י״ב זאל בלייבן). (יו״ר א רגע א רגע).

הרב מסיגעט ממשיך: מען שליסט נישט אפ, נישט דעיס איז ז׳ער פעלער![161].

(יו״ר): מען וועט מאכן אקאמיטע פון פינעף רבנים (הרב מאראד, יעדער איד קען זאך וועילען — מען גייט אריין אין בוטשער סטאר...) א רגע, אראדער רב, אראדער רב, א רגע, איך זע בא אגרויסן עולם, אזא זאך איז נישט קיין.... — ניין... אודאי העמיר זעהן.

יו״ר: איך שלאג פאר 5 רבנים גדולים, דער נשיא מיט׳ן פאפא רב מיט׳ן ווינער רב מיט הרב לייטנער מיט אדווערער רב זיי פינעף זאלן באשטעטיגען[162].

נירבאטאר, בזעקה! איך בין הונדערט פראצענטיג געיגן.

יו״ר: איך וויל מיינער זאל זיין, איינער זאל זיין א געגין, וועט ארויסקומען אן אמת[163].

נירבאטאר: דער באַרא־פּארקער דיין מיטן ה־זיקען דיין.

יו"ר: אויכעט. אויכעט, א רגע, ניין אדווערער אויכעט, אזוי שלאג איך פאר, במילא זיי זאלען זיך א שמיסען דורך א מיטינג און זיי זאלען באשטעטיגן צו מען נעמט אראפ דעם צלע י"ב צו נישט, פארוואס, ווייל דא האנדלט זיך נאך נישט אין קיין חֵלב דאורייתא, דא האנדלט זאך אין א מנהג, העמיר ווארטן נאך 2 וואכן.

זאל זיין נאך אמאל שרייבט'ס אויף, דער נשיא. מיטן פאפער רב מיטן ווינער רב מיט הרב לייטנער מיטן מיט ביידע דיינים מיטן אדווערער רב. זיי זאלן האבן צווישן זיך א מיטינג, און זיי זאלן באשטעטיגן, צו מען נעמט יא אראפ דעם צלע י"ב צוא נישט[164].

(בארטער מרכיז! איין מינוט, צו דעם ברויך מען אן אפשטימונג, דו ביזט נישט בכח אליין פארצושלאגען).

יו"ר ממשיך: איך זאג נישט איך שלאג דאך נאר פאר, איך זאג מ'זאל מאכן אן אפשטימונג, א נישט, א נישט איז גארנישט געשען (הרב מסיגעט: מ'וועט אוועק גיין אן גארניטש). מען זאל נישט אוועק גיין אן גארנישט, וועט מען דאך זאגען אז אונז וויל מיר אויף... נאכאמאל (מדברים... מדברים).

— א רגע, א רגע, איך וויל די אנדערע זאך, זאל מען האנט ערלעדיגן, וואס איז יא וויכטיג, מיט השגחה מיט דאס. (אחד מפסיקו, נאטפאלע רב וויל זאגן)[165].

הרב לייטנער: די ערשטע זאך איז דאך אזוי. דאס וואס טארטקעווער רב זאגט וועגן צלע י"ב דאס איז איין פרט, איין מינוט... לאז אפ מען דארף אפשטימען ווער עס זאל באשטימען, דאס קען באשטימען יעדער רב דא, רבנים גדולים, מען דארף אפשטימען יא יא, נישט נישט, איך מיין אזא זאך וואס ס'נישט, צו זאל מען אן נעמען די אלע חומרות צו נישט מען דארף, זען אונזער ציבור, וועלכע רבנים מען איז מקבל, און מען וועט דאס דארפן אפשטימען.

קיין פלאטץ אנעמען רוב דעות, האט נישט קיין פשט — פארשטעט דאך יעדער — ווייל פונקט איין רב נישט געקומען, יא געקומען — אויף דעם קען מען שטימן (מפסיקים — — —) — לאט מיך אויסרעדן, שוין דאס יא די גאנצע זאך איז דאך דעס איינער פרט וואס מען פארברייינגט אפ דאך דוב צייט, נישט דאס איז דער עיקר פרט, ווייל דאס איז דאך אזאך פון יא אננעמען די חומרא, נישט אננעמען די חומרא. דערווייל געשעט דאך גארנישט. יעצט איז דאך אזוי איך וויל נאר באמערקן אין די ראיע וואס אפאר רבנים, האבן דא געזאגט, דער פאפער רב האט דא באמערקט, אז נאך דעם ווי מען וועט באשטימען די הלכה[166], דארף מען זיך צוזאם קומען מיט די מנקרים פון ארץ ישראל להשקיט הריב, מען וויל זאך מיט זיי צוזאם קומען, איך ווייס נישט צו יא, איך האב זיך דייקא יא שוין גערעדט מיט זיי, און איך זע נישט אז מ'וועט זיך קענען מיט זיי

פאראייניגען, מ׳וויל זיך מיט זיי פארשטענדיגן געזונטערהייט (מפסיקים בדבורים — — —)[167].

הרב מסיגעט: איך וועל אייך זאגן ביי די אנדערע ענינים וואס ס׳האט צוטאן אין אונזערער מקומות. עס איז געווען א מנהג אין צוויי מקומות. האט א פשט מ׳זאל זיך צוגריף זעצען, מ׳האט געשמועס, ס׳דא חומרות, וויא ער האט געזאגט חומרי מקום שיצא משם, אין ארץ ישראל, אויף אונזערע אידן, אויף די אשכנזיישע אידן האט מען כופה געווען, הונדערט פראצענט דעם מנהג.

און דאס איז נישט היינט שייך צוזאגן אז די אידן האבן דאס מקבל געווען, ווארום ר׳ אברהם האט אנגעהויבן אז די רעגירונג האט אויף זיי ארויף געצוואונגען. איז דאס דער טייטש, אז מען האט אויף זיי ארויף געצוואונגען אויף די דאס זאל אונז מחייב זיין.

וועד ס׳וויהל זאל זיך מאכן א שחיטה.

לאזין זיי פרעגין דעם בית דין — איינער האט גוט געזאגט — לאזין זיי פרעגין א שאלה די ארץ ישראל׳דיגע אידן אין בי״ד אין ירושלם, צו מעגן זיי עסין פלייש צו נישט, זאלן זיי זאגן אז נישט[168].

אונז זענען מיר מחויב מאכן א ספרדישן מנהג? טויזענטער יארן זענען מיר דאך אונז אשכנזים אלע יארן געווען, וואס איז דאס פאר א מין. פארוואס זאלן מיר אונז זאך פאר דעם זיך אננעמען, מנהגים וואס איז גארנישט געווען, קיין שום מקום און אונגארן, אויך נישט אין פוילן, נישט אין גאליציען, וואס איז בלויז דאס, ווייל זיי האבן דא געוואלט, די מחרחרי ריב׳ניקעס?

איך האלט נישט, אז מ׳דארף זאך מיט דעם רעכענען, ס׳איז גארנישט קיין דעה! איך האלט נישט אמאל, אז מ׳ דארף זיי רופען אמאל, אז מ׳איז עוסק, מיר האבן גארנישט, צוטאן מיט דע מענטשין (מדברים...)[169].

הרב לייטנער: דאס וואס דער קאשויער רב, האט יעצט מערער געווען דאס האט נישט צוטאן מיט מנהגים, ס׳האט צוטאן מיט (מפסיקים) — ער זאגט איך זאג דאך וואס ער זאגט, מען האט געטראפען אזעלכע זאכען, איך זאג דאך וואס ער זאגט, אויף דעם וועט דאך ווייטער נישט זיין קיין להשקיט הריב. (מפריעים — — —).

איין מינוט. וואס איך וויל דא יא זאגן, א וויכטיגע זאך, איך ווייס נישט צו מען האט עס געטאן למעשה, צו נישט, דער ווינער רב זאגט, אז ער האט געבעטן ביי ווײנשטאקן, אז מען זאל געוויסע חלקים אראפנעמען, איך ווייס נישט די חלקים, וואס אונז האבן מיר דעמאלטץ גערעדט, דאס איז חלקים מסויימים, אויב ער וועט נאך עפעס אראפ, איך מיין, איך זאג נישט, איך בין נאר מציע אז מען דארף דאס גוט באטראכטן, צו ס׳קען נישט חלילה קומען צו קיין מכשול, ווייל ס׳קומט אריין צום קצב, און ער איז געוואוינט, ער דארף טאן אזוי און אזוי, און וויא באלד דארט פעלט שוין עפעס פון דעם וואס, ער דארף

געוועגליך אראפצונעמען, קען ער זיך פארלירן, ווייל א בעל מלאכה טראכט דאך נישט, אז דעם האט ער הערשט אראפגענעמען, ער קוקט אן דאס פלייש. עס קוקט אויז אנדערש וויא ער איז געוואוינט איך האלט אז מען דארף...

(הרב מסיגעט: איך ווייס נישט פארוואס אונז זא מיר — — —)[170].

דער ווינער רב זאגט, ער האט נאך עפיס מוסיף געווען (מפסיקו! איך האב נישט מוסיף געווען איך האב נאר מוסיף געווען פאר׳ן...).

— אהא ווייל פון די קרומים, מען זאל אנפאנגען עפעס אראפצונעמען, האב איך מורא, קען קומען צו מכשולות (וואס?) אז מ׳זאל עפעס אראפנעמען פון די קרומים, עפעס יא און עפעס נישט. קען קומען צו מכשולות... (מדברים)[171].

הרב ווינא: איך האב דעמאלטץ געזאגט, די שלעמם, דעם שטיקל וואס ס׳זיא חֵלב — — — הערט אויס — — — אראפשניידן ביים טבור מיט טרפש ביים חלב הכליות, דער נאך וואס מ׳האט דא גערעדט, דעם שלעמיים אראפצוהר ווען ער שיקט טרייבערן (הרב לייטנער וויא דעם שלעיים?... איך האב מורא אז דאס קען קומען צו מכשולות) (כולם מדברים...).

טאמער ער טוהט דאס איז גוט, אבער דעם שלעיים ווייס איך נישט, דאס וואלט איך געדארפט קוקן נאך, איך זאג איך בין נאר מעורר, ווייל אז מע מוז נאך עפעס יא טאן, דער קצב באקומט עס אריין, ער איז נישט געוואוינט שוין.

וואס מ׳רעדט וועגן — איין מינוט — וועגען הוצאת לעז וואס מ׳רעדט, רבותי! אזאך וואס ס׳איז אן הלכה, האב איך זייער נישט ליעב, מען קומט צו אן אסיפה 20 רבנים, יעדער, אויף הוצאת לעז, איז דא געשריבן אן אשיעור ספרים, דייקא אין מהר״י בן לב איז דא א תשובה אין מהרלב״ח איז דא א תשובה, דייקא זאגט ער אויך אזוי, ס׳געווען אשטאט ס׳געווען עטליכע קהילות, געווען טאקע אשכנייזים מיט ספרדים, און פאר דעם ס׳זאל נישט ווערן קיין א איבערקעערעניש, זה בכה, האט מען געוואלט איין פיהרן ביי די מקילים אויך. די חומרות, פיהרט דער מהר״י בן לב אויס, אז ס׳איז נישט שייך קיין הוצאת לעז, איך זאג נאר, ס׳איז נישט קיין זאך וואס מ׳קען דא מברר זיין, יעדער רב זאל געזונטערהייט אוועק געהן אין דער היים, און אפשרייבן א תשובה, צו אויב א שטאט וואס ס׳איז דא פארשידענע מנהגים, און מ׳האט נוהג געווען קולות, און מ׳וויהל נאך דעם איין פיהרן די חומרות, פון די אנדערע קהילות צו מען וויל דאס, האלט איך אויך נישט אז ס׳איז דאך נישט קיין זאך, וואס מ׳דארף דא ביי די זיצונג באשליסן, יעדער רב און יעדער מורה הוראה זאלן זיך מוחל זיין אראפזעצין אפשרייבן א תשובה[172].

(הרב מסיגעט: איך וויל זאגן, געזאגט פריער... איך האט טאקע אריין געטראכט טאקע, ס׳איז ביי אונז איך ווייס זיכער אין סיגעט האט מען גענוצט די צלע י״ב, אין סאטמאר האט מען אויך גענוצט אין כמה מקומות, האב איך געזאגט פאר אדווערער רב, אז איך וואלט געמיינט, אז דא הי׳ וואלט געווען א

סברה, עס נישט צו קענען, נישט צוניצען, ער האט עס מיר אויך געזאגט, איך האב עם נישט אזוי גוט פארשטאנען — רעדנדיג מיט עם האב איך איזום געזאגט, פארוואס?

ווייל דא איז דא א גרויסער חשש, אז ס'ווערט צוגעשניטן דער חלק אחוריים, און דעיס מאכן מען דא הי.

אין דער היים, למשל, אין סיגעט, בין איך דאך נישט געווען קיין... איז געווען אידישע קצבים. זיי האבן געשחט'ן א בהמה, און ער האט אראפגעשניטן די חלק אחוריים, דאס האט ער אוועקגעגעבן פאר די גויים, און דע חלק — דע פאדערשטע — האט ער געהאלטן פאר זיך. האט ער במילא אפגעשניטן א איז, א איד מער וויניגער, א איד א נאמן האט אפגעשניטן, איז כמעט נישט פארגעקומען אז מען זאל אריין שניידן אין חלק אחוריים, אריין שניידן א איד האט עס געטאן. ס'געווען משגיחים דארטן שטענדיג.

משא"כ דא הי טאהן דאס גויים, גויים מאכן דאס אין שלאכט־הויז, און קען זיך אמאל מאכן אז[173].

איך האב געפרעגט וויינשטאק'ן — קען דאס זיין, ס'איז ארויסגעגאנגען אזא געשיכטע? מ'האט אנגעהויבן צו רעדן, ס'איז דא חלק אחוריים, האב איך עם אנגערופן האב איך עם געפרעגט — זאג מיר — קען דאס זיין אז מען זאל אריין שניידן אין חלק אחוריים צושניידן? — זאגט ער: ס'קען זיין[174]!

און אסאך אירע זאגן, אז אין יוראפ, איך האב שוין געהערט אנדערע זאגען מען האט דאס שוין אין יוראפ אויך געליטען, אנדער, מ'האט מען האט נאר געוואוסט יעדער איינער. מ'שניידט דאס אראפ. אבער דא אז ס'קומט אריין א גוי, און נאכדעם קומט דאס אריין אויף איין פלאץ, ווי ס'קומט נאר אריין א הונדערט אקסין, אויף אמאל, און דארט גייט דאס ארויס צוא די, צו יעדענס פלייש באנק וואס ער קויפט[175].

פאר דעם בין איך געווען מיט'ן ווינער רב, מ'האט דארטן איין געארדענט, אז ס'זאל איצט איין שטעלן אז דאס זאל נישט קענען זיין, איך ווייס נישט מען וועט דאס, ער זאל דאס וועלן שטענדיג טאן, וואלט אסאך אראפ געפאלען פון דעם חשש אז ס'זאל אריין קומען דע דאס, במילא טאמער ס'דא אזא חשש קען זיין דאס איז נישט געווען בימי החת"ס, ער רעדט נישט פון דעם, אז ס'זאל זיין א שאלה פאר דעם אז מען זאל אריין קומען חלק אחוריים אריבעט.

במילא דעמאלטץ אז מ'וועט טאקע אזוי איין פיהרן, אז מ'נוצט נישט די צלע י"ב. וואלט אסאך קלענער געווארן דער חשש אז ס'וועט אריין קומען אמאל אז ער שניידט העכער, במילא קומט ער דאך לשולחן, צו צום טבור, וואס דארטן ביז א אין גייט דער אחוריים[176].

וואלט געווען א סברה צוזאגן, אז ס'וואלט געווען א סברה דאס איין צופיהרן כדי מונע צו זיין. אויף אזא מין אופן הייסט נישט קיין הוצאת לעז. אז ס'איז

נולד געווארן אזא חשש, וואס ס׳איז נישט געווען דארטן, גייט דאך שוין ניטש אן בא אונדז. דאס דארף מען דן זיין, די רבנים זאלן דאס זען. (הרב מאראד: דער רבי זאל מוחל זיין).

(יו״ר: א רגע, א רגע, לאמיר צו גיין מ׳וועט אפרעדין א גאנצן טאג)[177].

(הרב ווינא: נא, דער ארדער רב).

(יו״ר: איך וויל נאך אמאל מפרסם זיין די זעלבע און אויף דעם — — —).

(הרב מסיגעט: נא, לאמיר זען, לאמיר זען וועלכע רבנים... לאמיר צו רבותי׳...).

(יו״ר: צווי קאמיטעס איז דא).

הרב מווייצען: איך האב נאר געוואלט זאגן (הרב מסיגעט האסט שוין ג׳מאכט איין קאמיטע? — תשובה...).

(יו״ר: קאמיטע דער עיקר ברויך מען די קאמיטע זיי וועלן וואיילין די קצבים — — —)[178].

הרב יצחק גליק: רב יחזקאל הורוביץ וויל זאגען.

הרב מייזליש ממשיך: איך האב נאר געוואלט זאגן אייןווארט, אז די מכשולים, וואס מען האט געכאפט און איך האב גערעדט מיט א פאר בוטשעור־סטראס, וואס זיי זאגן אז ס׳קען זיין, וויא מ׳ווערט נכשל איז נישט דארט ביים צלע י״ב, צלע י״ב איז א מחלוקת, און מען גייט נישט אריין — וויא דער דינער טענדערליין, און בעססער, אז מען זאל איין פיהרן אז מ׳זאל טאקע אראפנעמען די גאנצע טענדערליין (...דארט? וויא איז די מכשולות?) — דארטן דארטין אויף דעם דינען טענדערליין (וויא איז דא מכשולות ביים דינען אדער ביים דיקען?) — אויפן דיקען איז א שווערע זאך איין צופיהרן — דאס איז דער אמת, ווייל דער דיקער האט א חשיבות, דע בוטשער־סטארס וועלן דאס נישט אזוי שנעל מסכים זיין (— — — מדברים — — —) — אז מען זאל קענען איין פיהרן ביים דיקען איז א וודאי און א וודאי גוט, אבער עכ״פ, דעם דינען טענדערליין זאל מען אראפנעמען, מיטן דיקען וועט זיין (— — — מדברים — — —)[179].

הרב מסיגוט מכריז: א מינוט, א מינוט, נישט געקומען צו קיין תכלית, רבותי!

זיצט נאך א מינוט, די יונגע רבנים, לאמיר האבן עפעס נוצען פון יונגע רבנים, איך מיין נישט קיין חכמות, די אלטע קענען שוין נישט טאן, אבער די יונגע קענען דאך נאך. זעט זיך צו מעלדן, רבנים יונגע, יונגע רבנים זאלן זיך מעלדן, אז זיי זאלין זיך אויסלערנען ניקור, מען זאל קענען מיט זיי עפעס האבן צו טאן, אזוי וועט מען האבען מיט וועמען צוטועהן

(דברים בלתי מובנים. הדבורים — — — ווינער דיין — — —)[181].

דער ווינער דיין? נו גוט אדרבה, דער ווינער דיין.

הרב מאראד: ס׳וועק גלייך געווען, נעמט ענק אין די געדאנקען גוט אריין קלערין אין דעם, מאכן א פשרה צווישן בהמה גסה און צווישן בהמה דקה...

הרב מסיגעט: בהמה דקה איז שוין לאנג נישטא (גם הרב מווינא מוחה נמרצות נגדו — — —).

נמרצות נגדו — — —). זיי וויסט נישט וואס.

הרב מווינא: הערט אויס איך האב בודק געווען 31 בהמה דקה.

הרב מסיגעט: ס׳איז נישטא נאר ביז די עלפטע ריפ, ביי דקות ביי קעלבער איז נישט. נישטא, נישטא נאר די עלפעטע ריפ. זאגטץ רבותי, א מינוט זיצט נאך א רגע (— — — מדברים — — —).נאר מען וויל דאך מען זאל קומען צו א... אבער דער ווינער דיין האט איר דא, אפשר זאגטץ דער ווינער דיין וועט איהר אפשר קענען בעטען ער זאל — — — (הרב ווינא: ער איז דאך דא.).

ער איז דא, נא (ער איז ארויסגעגאנגען — — — ער איז דא) — לאמיר הערן, נו איהר, ווילט עפעס זאגן, נו זאגטץ (— — — מדברים — — —).

(ווינא: הערט מ׳הערט וועט עס וויהל) מ׳וועט אזוי אויכט הער[181].

ר׳ יחזקאל הארוויץ: קודם וויל איך איך א ווארט זאגן וועגן דעם רב מאלכי. צוויי יאר צוריק איך האב באקומען א בריעף פון דעם רב מלאכי, וועגן דעם חלב, ס׳האט מיך ג׳הארט איך האב עס געווארפן אין גארביטש, איך האב געטראכט איך באקום אסאך בריעוועזן דאס איז איינס פון די בריעוועזן, און דאן בין איך געווען אין ארץ ישראל, איך בין געווען אין צפת, בין איך געווען ביי שלש סעודות, איז געזעצען נעבין מיר א איד מיט א בעקישע. שוין און מ׳האט מיר געהייסען דארטן איך זאל זאגען עפעס זאגן א דבר תורה, האב איך געזאגט, אז צו זאגן מ׳טאר נישט מחלל שבת זיין, ס׳איז דאך א דאורייתא, זאג איך די איינציגע היתר איז, אז דאס איז נישט בכלל ישראל, די מחללי שַבְתים, במילא איז מען נישט מחוייב מוסר צו זאגן, אבער די אידן, וואס זיי זאגן אע״פ שחטא ישראל, די טארן נישט גיין אין גאס, זענען מחוייב אפצושטעלן מיט יעדין מחלל שבת.

קומט צו דער איד מיט די בעקישע, און זאגט — איר קומט פון אמעריקע זוכן עבירות? זאג איך, וואס מיינט איהר, איך זיך עבירות, די גאנצע גאס איז דאך פיהל מיט חילול שבת. זאגט ער איך בין שוין 25 יאר אין אמעריקא אין ארץ ישראל, איך האב נאך נישט געזען א מחלל שבת, פרעג איך ווער איז דער איד? דאס איז דער רב מלאכי — זאג איך עם איר זענט דאס — זאג איך — איך האב א גרויסע הנאה, זאג איך עם, איך האב באקומען פון אייך א בריעוו, יעצט ווייס איך אז ס׳איז גארנישט ווערד וואס איר זאגט.

דאס האב איך געוואלט זאגן, אז ס׳איז נוגע. איך האב נאר געוואלט ענטפערן פארן פאפער רב, אז עס, די וועט מען נישט צופריהדן שטעלן. און מ׳דארף זיי נישט צופריהדן שטעלן[182].

דער זומער, אזוי וויא ס׳איז געווארן, איך האב געהערט אין מאנסי, אז מ׳האט אויסגערופן אין ווילשניץ, אז מען טאר נישט עסין דאס פלייש, האב איך בא מיר אין שטוב אויך אויף געהערט צו עסין פלייש[183].

האט מיך געפרעגט מיין בני בית, וואס איז מיט יו״ט, זאג איך, מעגסט באשטעלן ווייל איך בין זיכער, אז ביז יו״ט, עט התאחדות הרבנים ארויסקומען מיט א קול־קורא אז ס׳איז אלעס אין ארדענונג[184].

דערווייל דער קו״ק איז נישט ארויס געקומען, האב איך נישט געגעסן. יעצט, א איך זאג אזוי, איך וועל נאר זאגן איין ווארט.

עס איז געווען אמאל א מעשה, די ירושלים ווייז האט געטראפען א חשש חמץ אין דעם וויין, עס איז געווען א קול קורא אין די צייטונג, זענען געווען מענטשען זענען צוגעקומען האבען געזאגט זעהסט, זאג איך זעהסט עס איז זעהר גוט יעצט דארף מען הערשט ניצען די וויין וואס קומען אנדערע נישט ארויס יעדע זאך וואס א מענטש גיט א הכשר מאכט זיך אמאל, עס מוז אמאל קומען א שאלה, און זיי האבען געקענט אריינשטעלען אין די צייטונגען אז מען זאל וויסען מען טאר עס נישט עסן ס׳איז דאך אדרבה.

ס׳געווען אמאל א מעשה, מ׳האט געטראפען א ווייטציל אין די מצות, און מ׳האט געהאט אויס גערופן אין ביהמ״ד, זאג איך אדרבה דאס געט דאך דער הכשר, א הכשר מיינט אויך מען קען טרעפין, דאט וויא ס׳איז אלע מאל כשר, איז נישט קיין הכשר, דארט וויא מען גיט א הכשר, מוז זיך אמאל מאכן א חשש, און מען מאכט א גרויסן טומעל[185].

איך זע דאך פון דעם ניקור, אז מ׳קען נישט זאגן ידינו לא שפכו את הדם הזה[186].

ווייל ס׳איז געווען א התרשלות, ווייל די רבנים קענען נישט גוט, און איינער האט זיך, איך האב אליין נישט, מיר איז נישט איין געפאלען, איך האב געמיינט, אז מען קען אזויפיהל רעדין, אז מען קויפט פלייש און דע.

מען זעט דאך אזוי, במילא האלט איך אזוי[187].

קודם זאל ארויס קומען א קול־קורא פון די התאחדות הרבנים, אז מ׳האט אללעס מברר געווען — ווי מאנטערוועדעאר רב האט געזאגט, אז ע״פ הלכה איז נישטא קיין שום חשש, נישט, און וואס מען זאל טאן ווייטער, לפענ״ד איז אזוי[188]:

דער ד״ח זאגט, אז אויף חומרות איז נישטא קיין מוציא לעז, דאס זאגט ער אין די תשובות, ווייל מחמיר זיין מעג מען, און מען זאגט דאך נישט אן הלכה, פונקט פארקערט, אויב מע זאגט ס׳איז הלכה[189].

היינט איז אזא וועלט, די וועלט איז — לאמיר אייך זאגן באטער רב — איך קען אביסל די וועלט, די וועלט וויהל חומרות, אזוי איז עס היינט, צו ס׳איז יא גוט צו נישט גוט, סי ב״ה (הרב מווינא שואל טעלעווישין אויך?) איך רעד נישט

פון די מענטשען, מיט 50 יאר צוריק. האט יעדער געוואלט קולות, הייינט א יונגערמאן, יונגעלייט וויהלן זיי וויהלן ס'זאל זיין זיי וויהלן ס'זאל אלטץ, מען זאל נישט קענען רעדן. און מכ"ש, מכ"ש די התאחדות הרבנים, וואס יעדע־זוכט דאך נאר וואס מ'קען עפעס טרעפין, און פון א קלייניקייט מאכט מען דא־א גרויסע זאך. איז לפענ"ד, וואס מ'קען מחמיר זיין, ס'איז נישט די שאלה פון קיין גרויסע געלטער, נישט קיין שאלה פון גדויסע, שוין. אז מ'שרייבט ארויס קלאר, אז ס'איז נישט להלכה, נאר מ'שרייבט אז מ'וויהל מחמיר זיין, כדי להפיג דעתר פון געוויסע יחידים, זאלן נישט קענען זאגן, און אז ס'וועט זיין א השגחה איז אוודאי האט מען אלעס מתקן געווען, נישט פאר זיי די רעדערס די רעדערס וועלין ווייטער רעדין — פאר אונדז פאר אונדז אליין. די אלע אידן, אז ווייני פון כמה וכמה אידן, וואס ס'איז לבם נוקפם, זיי ווארטן נאר צוזען א זיי האב צוטרוי צו התאחדות הרבנים, אזוי ווי אסאך הונדערטער יונגעלייט, מעווארט ס'זאל ארויסקומען א בירור. מיר דאכט זיך, אז ס'איז נתברר געווארן דא, איך בין נישט מפקפק אז ס'איז אין הלכות איז יעדער מודה, אז וואס מ'דארף. און וואס מ'דארף ניט[190].

ס'געווען אביסל נאך געלאסט אין דע השגחה, און דאס גייט מען מתקן זיין. מ'מעג דאס שרייבן, און דאס, און דאס איז א כבוד.

דאס איז א כבוד פאר די התאחדות הרבנים, אז מ'איז מודה אז ס'איז געווען אביסל התרשלות אין די השגחה, און מ'גייט דאס מתקן זיין (מפסיקים אותו). ניין איך בין פארטיג שוין. (כאן מדברים מכל הצדדים ובלתי מובן) נאך איין נקודה — איין מינוט, די רבנים (סיגעט, ווי נעמט איהר רבנים). איין מינוט די רבנים איז דאך אויך דא אין ענייגים פון ניקור, האט מיר פארגעשלאגן דער סקווערער רב אנפן טעלאפן, איך זאג נאר איבער, וואס ער האט מיר געזאגט, אז דער גבעת פנחס זאל זיין דער דרך וואס די מנקרים זאלן דאס דארפן דורך לערנען און די רבנים, איך זאג דאס נאר איבער אלטץ שליח פון עם, ווייל אז נישט הייבט זיך דאך ווידער אן, יעדער רב קען דאך זאגן, איך פיהר זיך אנדערש. — — — מדברים[191].

סאטמאר דיין וומ"ב, אזוי וויא דער יסוד היסודות פון דעם אלעמען, קומט דאך צו, אז מען דארף שטעלן השגחות, אויף די אלע בוטשערס און פארשטייט זיך, זענען מודיע אז מען טרייט אין דעם, אזוי וויא מען ווייסט, מען האט דאך גערעדט מיט אלע רבנים אין ווייאלנד מען שטעלט השגחה מען איז מוסיף מען איז מוסיף, יעדער זאך. איז מען מוסיף.

און בא דעם ניקור דארף מען דאך מוסיף זיין, מען איז צוקומען[192]. און דער דרך איז דאך, אז מען וועט דאך דארפן מפרסם זיין די רשימה פון די "בוטשערס", פון די "סטארס" וואס געבן זיך, אונטער, אונטער די השגחה[193].

דער עולם וועט מיינען, אז ס׳איז גענוג די השגחה פון ניקור, עס איז דאך דא נאך חששות, חלילה טאמער ברענגט אריין אנדערע זאכן — נבילות וטריפות — איך מיין די השגחה זאל זיין, א השגחה אויף אללעמען[194].

די משגיחים זאלן האבן א רעכט צו קוקען וואס מען ברענגט אריין אין ״סטאר״ און וואס מען טוהט, און וואס מען מאכט, דארף זיין א השגחה פון אללעמען[195].

הרב מסיגעט: און וואס טוהט זאך מיט דע — — —

הרב ישראל האגער: איך וויל אייך מעורר זיין, מ׳האט פריהער דא געזאגט אז אין ויזשניץ האט מען אויס גערופן, אז מען זאל נישט עסין דאס פלייש, אז מען טאר נישט עסין דאס פלייש, יא וועגן דעם וויל איך נאר זאגן אז ס׳איז א טעות, ווייל צופעליג איך בין געווען דער שליח, און עס זיינען געזעסן די כולל יונגעלייט האב איך געזאגט פאר די כולל יונגעלייט, אז, דער טאטע איז נישט געווען אין דער היים — אז אזוי וויא ס׳איז אריין געקומען שטארקע עוררות, ער איז בכלל נישט באקאנט אין דעם, ער ווייסט נישט וואס ס׳טוהט זאך, במילא — זאגט ער — איינער וואס ער איז מדקדק אין יעדע זאך לכאורה — זאגט ער — האלט ער, אז א מדקדק זאל דערווייל נישט עסין, אבער פון דעטסוועגן, צו איז דאס געווען קינדער לאט ער, עסין, צו מ׳האט עם אפילו געפרעגט צו טאמער מ׳קומט צו א שווער און דער שווער עסט דאס פלייש, האט ער אויך געזאגט, אז טאמער מאכט דאס עפעס א אויסזען שלעכט זאל מען עסין, איך מיין ס׳איז נישט געווען קיין שאלה, קיין איסור צו וואס, נאר א עוררות זאגט ער, וויל ער נישט דערווייל מ׳זאל עסין[196].

הרב מסיגעט: איך ווייס נישט, און איך האלט מיך אין איין בעטין צו זיי יו״ר! (מדברים) בא די וויכטיגע זאך איז מען געבליבען שטיין.

הרב מסיגעט: ווער וויהל זיין? אפשר וויהלסטו זיין? דו קענסט דאך ניקור — א ער קאן ניקור (כולם מדברים) משה ברוך(?)[197].

אחד מדבר: איך ווייס נישט וואס די גאנצע שקלא וטריא איז דא. און באמת׳ן — — — איך ווייס יא, נאר די זאך איז, איך האלט אז מען זאל נישט משנה זיין וויא אזוי מען האט וויא אזוי די ״רעבישע״.

דער רבי זצ״ל האט געלעבט אזוי, ווי מען האט געטאן בחייו, אזוי זאל מען טאן, אבער וואס, אזוי וויא עס איז טאקע נתרשל געווארן, אזוי וויא מיט צייט געווענלאך געשעהנט דאס, אזאך וואס ס׳דויערט לענגע צייטן, מען קוקט זיך נישט אום, אזוי גוט דערויף מאכט זיך אז מען וועט נתרשל אין דעם ענין פון השגחה אויף די ענינים[198].

און אויכעט אפשר זענען עלטער געווארן די מנקרים. עס פעלט אויס יונגע מנקרים, עס איז נישט געווען וויא צו לערנען איז דער ענין אויסצולערנען וואס דער רבי האט געזאגט אויסצולערנען מנקרים און זאלן משגיח זיין אויף זיי

"סטארס", דאס איז "B. SOLOUTION R", שניידן אנדערש וויא מען האט געשניטן איז נאך אלץ נישט דער פראבלעם, איז נישט געלעייזט, און עס איז דא אנדערע פראבלעמען אויך דערביי. דער אמת'ר פראבלעם וועט זיין געלייזט אויב די "בוטשערס סטראס" וועט האבן השגחה, און מ'וועט זיך אויסלערנען ניקור. אסאך אירע וועלען קענען ניקור, אין ס'וועט זיין אונטער אן "קאנטראל" מיט קבלה, אזוי וויא עס דארף צו זיין דאס איז די (כולם מדברים)[199].

הרב מסיגעט: אהרן וויינשטאק האט מיר געזאגט, אז עס איז יא א מציאות מען זאל קענען אפשניידן די צלע י"ב — ער האט מיר געזאגט אז יא[200].

אבער יעצט האט מיר געזאג איינער פון די, ער האט מיר געזאגט, וויא הייסט ער דער מנהל, טאקע פון דא (יודיל?) ווי איז ער נא, וויא איז ער יודיל?, יודיל! וויא איז ער יודיל? רוף אים א הער, יודיל האט מיר איבערגעגעבין, פון די ברייער קהילה, זיי זאגן אז מען זאל ביי עם אפשניידן דאה, וועט עס צוגרונד גיין די גאנצע שחיטה. ס'וועט זאך — — — זייער שטארק אז דא, אז די שלאכט דע הויפט, וויינשטאק איז דאך אויך נישט דער בע"ב, וויינשטאק קויפט דאך בא איינעם, די שלאכט הייזער. האט עס געזאגט אז מען זאל דאס וועלן מאכן, מיט דעם, איך זאג נישט אז ס'איז תורת לאקשין, וואס מ'האט געזאגט, קען זיין מ'קען דאס אפפרעגין הא, ווייל וויינשטאק האט נישט אזוי געזאגט — — — (מדברים כולם) וויינשטאק האט מיר געזאגט (מדברים כולם) לאמיר, לאמיר זען, איר האט דאך שוין געמאכט איין מאל?[201].

יו"ר: יענע קאמיטע איז בכלליות, אבער ווער ס'זאל זיך אומקוקען אויף די קצבים וועט מען דער נאך זען (הרב סיגעט, פארוואס?) — דאס קען דאך נישט — — —

הרב סיגעט: ער זאגט דאך זעהר גוט, קודם זאל מען מאכן די קאמיטע, און זיי זאלן דא עפעס וועלן טאן, און — — — מען זאל זאגן פאר די "בוטשערס", וואס זיי דארפין טאן, אף צבת בצבת עשוי (מדברים, מדברים, מען זאל ממונה זיין, ממנה זיין — — —).

ממשיך: מ'זאל ממנה זיין (רבים מדברים).

נא זאגט זאגט'דזע דעם רעזאלטאט![202].

יו"ר; ס'איז געבליבן אזוי, אזוי וויא בכלליות, בכלליות איז אומעגלאך אזא זאך וואס האט צוטאן מיט די הלכה, זאל מען דאס גיין, דאס איז נישט צו שטעלן בא אפשטמונג בא אגרויסן עולם. האט מען דא אפגעשמועס אז מ'האט געמאכט אקאמיטע פון די רבנים גדולים, דער נשיא, און דער פאפא רב און דער ווינער רב און די צוויי דיינים, און הרב לייטנער מיטן אדווערער רב, זיי וועלן זיין די קאמיטי, און זיי וועלן האבן א מיטינג און זיי וועלן באשטעטיגן ווי אזוי מען זאל מאכן איין בכלליות[203].

און בפרטות האט מען דאך שוין געשמועסט, ערשטינס ברויך די התאחדות

ארויס געבין א קול קורא, אז מען זאל וויסן אז אן א השגחה ברויך מען נישט קופען אין קיין שום פלאץ — און צווייטינס (וויכוח גדול בלתי מובן...)[204].

הרב לייטנער: ס'איז דאך זיין איינס פון די צוויי, מ'מוז דאך קודם אויפאדערן די "בוטשערס" זיי זאלן נעמען השגחה, מען קען נישט גלייך ארויס געבין צו צוואנציג "בוטשערס" פון היינט אויף מארגן — — — מען קען דאך געבין א טערמין פון 6 חדשים.

יו"ר: נא, נא, דער עולם (...מען זאל זאגן ביז צוויי וואכן... וואס? ס'זאל בלייבן אזוי אזוי וויא עס איז?

(מדברים ובלתי מובן — — — אחוריים — — —)

יו"ר: ביז צוויי וואכן? (מדברים) און וואס וועט מיט דעם זיין מארגן, מארגן קען די קאמיטי ברויך זאך צונויף קומען — — — — רבים מדברים[205].....

הרב מסיגעט: זיי נישט קיין נאר, דער רב, מוז קאנען (כאן וויכוח חם)[206].

יו"ר: נא, וואס זאל מען דערווייל טאן — גארנישט טאן[207]?

הרב מסיגעט: איך עט געבעטין נאך אזאך צו דע רבנים, שטעל צו נאך אפאר, א צוויי יונגע.

יו"ר: נא, נא, זאגט ווען מען זאל צושטעלן. (וויכוח — — — — —).

נירבאטער: איר האט נישט געזען קיין בי"ד השקול, א בי"ד השקול פון 6 מענטשין — זיבן אדער ניין (ויכוח גדול — — —) חיים אליעזר פרידמאן[208].

יו"ר: פון די פריהערדיגע קאמיטי' האט מען געשמועסט אז, מען זאל צושטעלן צוויי יונגע רבנים — יא, שטעלט מען צו הרב ר' יהושע ביק, מיטן ווינער דיין. די צוויי וועלן צוקומען וועט זיין א קאמיטי פון ניין מענטשין, און זיי וועלן זיך אפגעבן מיט די ענינים פון ניקור.

יצחק גליק: איך זע, איך זע, הרב ביק איז נישט צופריהדען.

— ניין?

יו"ר: ר' אהרן דעם באטער'ס רב'ס זוהן[209].

אחד אומר: כמעט אלע רבנים זיי האבן אליין השגחות אויף יאטקעס! אזעלכע וואס זענען אינדרויסען.

הרב מסיגעט: ווען האט איר דא א השגחה?

יו"ר: ווער, ווער, ווער?

דער ווינער רב האט נישט קיין השגחה[210].

שואל: קהל יראים האט נישט קיין פלייש באנק — באטער משיב ניין, ניין, ניין. ער האט גארנישט.

שואל: דער פאפער רב האט א "בוטשער סטאר"! — — — דער ווינא? ווינא איז די זעלבע זאך. דער קאשויער רב האט... פא[illegible]אס מוז עס זיין אלע אזעלכע רבנים? זאלען זיי אלץ שטיין פון אינדרויס[illegible]

יו"ר: איר ווידהלט אויך זיין איינער — יא.

# כדת של תורה

יצחק גליק: ר׳ הערשל כץ, קען זיין... (מדברים).

יו״ר: הרב אהרן טייטלבוים (מדברים). מען הייסט דאך צושטעלן נאך [211].

אחד אומר: מ׳רעט מ׳האט דאך פריער מעורר געווען אן אנדער זאך, שטעל צו אנדערע וואס האבן נישט קיין שייכות.

יו״ר: נא וועמען, זאל מען צו שטעלן (מדברים) הורוויץ... (כולם מדברים).

יו״ר: יחזקאל הארוויץ, בנימין לאנדא — — — (מדברים — — — ).

— דער חוסטער האב אויך א השגחה! — — — — (מדברים)[212].

— מען נעמט נישט אריין נאר אזעלכע וואס האבן צוטאן מיט פלייש!

— איר האט דאך נאר איין דעה[213].

יו״ר: איר האט דאך שוין צוועלף... (מדברים א א — — — ) זאל מען מאכן צוויי קאמיטים — — — ווערן — — — —

יצחק גליק: רופט אויס קומט צו א א החלטה.

יו״ר: א רגע, א רגע, יענע קאמיטי, בלייבט נאר א קאמיטי פון זיבען... א רגע לאמיר נאך אמאל מברר זיין... אין הכי נמי, דאס איז שוין אין די צווייטע קאמיטי, צולערנען זיך ניקור (...ר׳ שמואל ליכטנשטיין רב דקראסנא, אהרן טייטלבוים... (יצחק גליק — מדברים).

יו״ר: מיט בנימין לאנדא?

יצחק גליק: (מדברים) רב׳ס זוהן (מדברים).

יו״ר: ר׳ שמואל דוד קרוז, די וועלן זיך לערנען ניקור — — — יא ווער צבי פאלאק — — — דאס איז — — — און אהרן טייטלבוים איז דא דא? — יא (מדברים)[214].

יצחק גליק: נא רופט אויס, די קאמיטע פון זיבען בלייבט.

יו״ר: די החלטה, די החלטה — — — — לאמיר נישט אוועק גיין אן א החלטה, ס׳וועט זיין צוויי קאמיטעס, איין קאמיטי, וואס זיי זאלן באשטעטיגן, וויא אזוי ס׳זאל זיין די אלגעמיינע ניקור, וויא אזוי וועט זיין מיט די צלע ״ב און די־איבעריגע זאכן, די קאמיטי באשטייט אזוי ווי פריהער געשמועסט פון 7 רבנים גדולים, פון דער נשיא מיטן פאפא רב מיטן ווינער רב מיט אדווערער רב מיט מאנטיוועדעאר רב, מיט די צוויי דיינים, דאס בלייבט די קאמיטי[216].

א צווייטע קאמיטי, איז דא פון יונגע־לייט, וואס זיי גייען זאך אויסלערנען ניקור, און זיי וועלן ארבעטיין, ארום גיין אין די ״בוטשער סטארס״ און זיי וועלן זען אז פראקטיש זאל דער ניקור ווערן אויסגעפיהרט גוט, אויף דעם, וועט זיין הרב יחזקאל הארוויץ פון מאנסי.

— ער וועט קומען מסתם! הרב יחזקאל הארוויץ, בנימין לאנדא, הרב אהרן טייטלבוים, דעם ניירבאטער רב׳ס זוהן, און הרב נחום אפרים, און הרב שמואל דוד קרויס אייער זוהן, און הרב צבי פאלאק, דאס איז יונגעלייט, וואס זיי וועלן זיך אויסלערנען ניקור.

יצחק גליק: הרב שמואל ליכטנשטיין.

יו"ר: און הרב שמואל ליכטנשטיין — — — (מדברים).

נירבאטער: ס'זאל זיין צען יונגעלייט וואס קענען זיך לערנען ניקור...

יו"ר: נא, נא, פארוואס נישט — — — —

— חוסטער רב, חוסטער רב.

יו"ר: און הרב פנחס הארוויץ, הרב פנחס הארוויץ[216].

הרב מסיגעט: איין רגע, און וויא אזוי וועט דא זיין, דע דע, דארטין. מען הייבט זיי דאך אן צו לערנען, גוט געווען מען זאל שטעלן א יושב־ראש א וואס? (יא יא זייער גוט) — איך מיין (מדברים).

(יו"ר: וואס זאל איך טאן מ'זאגט מיר אריין.)[217].

הרב מסיגעט ממשיך: שרייב שוין נאך איינעם ר' הערש גראס (מדברים). קומט א הער — — — — וויא איך פריהער געזאגט, הערטץ מיך אויס, איך מיין אזוי, מיר גייען מאכן א יו"ר פון דע יונגעלייט, פון דע זאכן, און דע וועלען גיין זאך אויסלערנען, וויא אזוי לערינט מען זיך אויס ניקור? קודם מוז זיך לערנען די הלכה סימן ס"ד מיט די אחרונים, וואס איז דא, תשובות, ס'איז דאך דא דרכי תשובה, ער ברענגט עס סי'.... מען וועט קענען די הלכה, און נאכדעם, דארף מען פראקטיש אויסצולערנן עס גוט געווען, איך האף דער באטער וועט אויך זען יונגעלייט זאלן קענען אריין קומען דארט, דארט וויינשטאק דארט איז דאס מערסטע פלאטץ, ווי מ'איז מנקר ווי מען קען זען דע[218].

נירבאטור: אונז האבן מיר שוין אויסער דע, דאס משגיח פון ניקור, האבן מיר שוין צוויי יונגעלייט[219].

הרב מסיגעט: דער ניקור פארשטייסטו וואס ס'הייסט, און מ'דארף האבן תיקונים וועלן מיר זען זיך אויסצולערנען זיי זאלן שוין[220].

אחד אומר: די רבנים זאלן צו שטעלן א וועג, צוזאם נעמען די יונגעלייט און זיי ארויס פיהרן.

הרב מסיגעט מכריז: דא אין שטאט איז עס וויא דארפין זיי פארן, דא, דא, דא, נישט אין שלאכט־הויז — דא אין וויליאמסבארג (מדברים)[221].

יצחק גליק: דער רבי מיינט יחזקאל הארוויץ זאל זיין דער יו"ר?

— יא, יא!

יצחק גליק: אז דער רבי וועט עם הייסן.

— יא, יא — הרב הורוויץ — יא יא.

הרב מסיגעט: דארט ביים דעם וויינשטאק דארט קענען זיי אמבעסטען[222].

הרב לייטנער: באטערער רב איך וויל אריין גיין דארט צו אייך — — — — איין מינוט — — — איין מינוט, איך וויל נעמען צו אייך ערגעץ א מנקר — — — איך וויל נעמען דעם ארגדער, איך וויל מיר נאך אויך מאכן קלאר פארשידנע פרטים.

(הרב מסיגעט: איר קענט קומען ווען איר ווילט)[223].

— יא איך וועל נעמען פון די עלטערע מנקרים זען איך וויל מיך אויך אויסלערנען. קען מען אריין קומען צו אייך ווען אימער? פשוט א אום — געניקור'ט'ן פלעיט, יא יא קיין ניקור'ת וויל איך נישט, א אום געניקור'ת פלעיט צו שטעלן צו פארפיגונג (מדברים) ווייט אין בארא פארק[224].

הרב גירבאטאר: — — — פלעיט — — — טרעיבערין, מיט טרייבערט קיין מאל נישט קיין פלעיטס, אונז ניטצען מיר נישט קיין פלעיט. אונז ניצן אונזערע פלעייטס וואס קומען אריין פון שלאכט־הויז ווערן פארקויפט פאר "האל ביי לערם". פאר גויים, אונז טרעייב מיר זיי קיין מאל נישט, ווייל ער וויל נישט נוצען אזא טייהערן פעטין. צו די סאלאמי ווערט דאס אבסעלוט נישט גענוצט. יחזקאל ווערצבערגער ער מאט די סאלאמי, מענדל, מענדל הייסט דאס, דער שמש ברודער[225].

ער האט מיר געזאגט, שוין 13 יאר ארבעט ער ביים סאלאמי. 3 מאל האט ער אין גאנצן געטרעייבערט פלעייט'ס (מדברים) וואס גענוצט פלעיטס, אויך נישט פאר אונזער עולם, מען האט דאס געברויכט ערגעץ אין א רעסטאראנד אויסער נויארק. ווייטער קיין מאל ווערט נישט געטרעייבערט און גענוצט קיין פלעייט פאר כשר, דאס וויל איך[226].

הרב מסיגעט: ווי קען מען זאך לערענן טרייבערן דארטין (מדברים) איין מינוט, וויא קען מען זאך לערנען דארטן טרייבערן (— — — אחד שואל: אין די אלע "בוטשער־סטארס"? — — —), איין מינוט, ווי קען מען זאך לערנען דארטין טרעייבערן — — — מ'האלט דאך אין איין טרעייבערין (— — — — חלקים י"א — — —).

הרב לייטנער: איין מינוט, באטערער רב! נישט דעיים וויל איך זאגן, רבי מענדל בערגער, ווייס איך שוין וואס ער זאגט, יא, לאמיר זאגען, איך וויהל זען ווי אזוי דער אראדער רב, יא איך וויל דאך זען.

מ'האט דאך גערעדט דעמלטץ, אז מ'העט נעמען עטליכע מנקרים, און מ'וועט זען יעדער וויא אזוי ער טוהט, צו ער טוהט יעדער אייניג, פארשטייט איר, פון מענדל בערגער וואס ער טוט ווייס איך שוין מער ווייניגער, פארשטייט איהר איך וויל סתם, מ"זאל צופארפיגען שטעלן 2 — 3 פלעייטס, איך וועל אריין רופין דעם אראדער רב וועל איך בעטין מיט קומען, ער האט מיר געזאגט ער קען ניקור פון דער היים, און נאך די צוויי אידן וואס זיי ווילן זאך לערנען. מ'זאל אונז געבין א אום־געניקור"ת'ן פלעייט (לא שומעים רבים מדברים).

(הרב מסיגעט מפסיקו: בקיצור מען וויל דיך בעטען... ער אליין וויל זיך אויך צולערנען. ער מעג אויך אמאל צוגיין זעהן ווי אזוי עס זעהט אויס)[228].

אחד אומר: איר קענט דאך זאגען זאל קויפען, קויפען, איר מוזט זיך נישט פארלאזן אויף דעם וואס אונז זאגן מיר און אונז לערנען. איך וויל גיין ווען דער

עולם וועט גיין, איך גיי נישט אליין (מדברים)[229].

יצחק גליק (בלחישה): דער רבי זאל דערמאנען רב יחזקאל הארוויץ, ער ווארט דער רבי זאל עם דערמאנען זאגען א ווארט.

הרב מסיגעט: נא נא, רב יחזקאל! איר וועט אייך אין פארבענדונג זעצען מיט מאנטעווערדעא רב (מדברים — — — — יא, יא — — — —).

— די אלע יונגעלייט, וואס האבן זיך אופגעשריבן זאלן א וואך לערנען קודם די הלכה — — — — און נאכדעם[230].

הרב לייטנער: — — — נישט צוזאמען, מ׳גייט צוועלף אירע אויף א מאל, ווייסט קיינער וואס מ׳טוהט, צוויי אירע אויף אמאל נישט מער (מדברים)[231].

נירבאטער: דאס איז אמאל זיכער, דאס וועל איך מסדר זיין דארט ביי וויינשטאקן, מען זאל איין טיילן היינט צוויי, ביי אונז טרעייבער מיר יעדן טאג, פון אכט פאר אכטע ביז אום צען האלב נאך צען. — — — ס׳קאסט געלט — — — — און מען זאל זען[232].

יצחק גליק: רופט די החלטות.

יו״ר: יא, יא, איך וויל נאך אמאל איבער חזרן, איך וויל נאך אמאל איבער חזרן וואס מ׳האט היינט אויף געטאן — — — (מדברים)[233].

אחד אומר למשנהו (בלחישה): אידן עסין אידן עסין, מ׳ווייסט נישט וויפיל צו עסן און וואס צו עסן. — — — מען ווייסט צו אידן עסין כשר׳ס? מען זאל שטעלן פראוועזאריש אויף על אתר וויפיהל מ׳ גען לע״ע די אלע[234].

הווינער מכריז: רבותי ער איז דער יושב ראש, אבער יעצט קריגט ער א שבח... מען דארף מען דארף געגוג זיין קליינליך און נישט זיך קווענקלען אז מען קען נישט ווייל דער כלל איז אז אונז וועלן מיר זאגן מ׳קען, מ׳קען אללעס מתקן זיין אויף דעם נישט פיהר וואכן, אין איין טאג, וויסען וויפיהל ״בוטשערס״ עס איז דא, מ׳נעמט בא וויינשטאק די ליסטע, און מ׳גייט[235].

אין סאטמאר בוטשערי איז גאראנטירט אפילו אויך ער איז ר׳ יושע ווייס, אדער גאלדבערגער הייסט ער, און דא איז ווייטער דא אין פאפא, אויך א פיינער ניקור, ממילא, אבער אעפ״כ קען מען עס איבערקוקען און דארט גיין[236].

עס איז שוין דא מ׳האט געוועילט די 5 רבנים און מ׳גייט שוין מיט 2 — 3 מנקרים יעדין בוטשער, קודם לאמיר זען ווער איז דיין מנקר? זאל ער פאר אונז מנקר זיין! לאמיר זען וויא אזוי ער האט מנקר געווען — — — זאגט נישט אז ניין מ׳קען דערקענען, און טראגט מיט רב מענדל בערגער, אדער טראגט מיט אמאל ר׳ יושע און מ׳גייט.

ס׳איז נישט דער פשט, אין בארא־פארק איז, אין גאנצן דא, ס׳איז נישט וויא איר זאגט, זאגט ס׳דא אכט־צען ״בוטשערס״[237].

רב יחזקאל ראטה: דער סאטמאר בוטשער, מיין דיין האט געזאגט רב אברהם חיים ער גייט מיט עם גערין מיט אזוי וויא א משמש בקודש. דער

באטער רב וועט געמען זיין זוהן, און ער וועט אום גיין אויף צוויי פלעצער א'יז נישט וואס ער דארף דארטן זיין השגחה קודם מ'זאל וויסן אז ס'איז[238]

וויינשטאק האט מקבל געווען אויף זיך, אז ער האט היינט בא מיר, ווען א'ך האב אם גערופן, איך האב איהם געזאגט, איך גיי נישט אנדערש.

ער האט געזאגט, וואס מ'וועט מיר הייסן אראפנעמען, אזוי האט ער געזאגט... וואס מען וועט מיר הייסן ארפנעמען (כולם מדברים — ויכוחים)

און דאס איז באשלאסן געווארן[239].

מכאן ואילך איז אלעס אין ארדענונג![240].

יו"ר: האללע שוין נאך אמאל, נאך אמאל, א רגע נאך א מאל איבערחזרן — — — דא על אחר ברויך מען אויבעט נאך אמאל בשיטה אחרונה (— — — — ויכוחים — מדברים — — — —).

תשובה: די התאחדות געט נישט קיין השגחות — — — זאלן יא אמאל יא האבן א השגחה.

הרב לייטנער: דאס קען מען יא בעטין ר' אהרון. סוכ"ס איז דאך אזוי, דער ר' מענדל בערגער, איז דארך זייער א פיינער איד, קיינער איז נישט מחולק אויף דעם, אין ער קען ניקור, און ער איז מנקר, יא, שוחטים זענען דאך אויך וואויל'ע אידן, יא! וועגן דעם גייט מען דאך, מזמן לזמן, און מ'באקוקט דאך די חלפים, אזוי וויא דער חת"ס זאגט אזוי — — —די זענען ערליכע אידן און אמאל אמאל באקוקט מען, סוכ"ס א בעל מלאכה מעג זיין דער גרעסטער ערליכער איד, ער שטייט טאג בא טאג שעה'ן — ווייסט און ער ארבעט, איז עלול אמאל, א מענטש איז דאך נישט אלע מאל אייניג[242].

וואלט דער באטערער רב געדארפט מזמן לזמן געמען א צווייטן מנקר, או דער איד נישט קיין חילוק צו ער הייסט ר' מענדל צו ער הייסט ר' יענקל צו ער הייסט ר' משה ס'איז נישט קיין נפקה מינה, איך מיין נישט דעם פארלייגען, א' ער זאל וויסן אמאל אמאל אז מ'קוקט אים נאך, דאס האלט איך וואלט געווען א גרויסער תיקון (מדברים — — —)[243].

נירבאטער: ר' מענדל זאל אליין זאגען...

נירבאטער ממשיך: יא יא, מיר האט געלאזט א צוואה, און מיר האט געזאגט יעקב וואלף...

יעקב וואלף זאגט אויסדריקלעך איך בין נישט קיין מנקר, ער קען גוט בעסער ווי אלע מנקרים נאר ער וויל נישט נעמען קיין אחריות איבער ניקור ער קען ער קען אונז... האבין איין מנקר וואס ער איז משגיח (א משגיח?) ניין! מנקרים האמיר 12 — יעדן טאג 10 — 12... איין מנקר קוקט נאך אלעס, אבער ער קוקט אלעס נאך[244].

יו"ר: מען קען נישט, מען קען נישט אזוי פיהרן קיין אסיפה — — —

יצחק גליק מכריז: מ׳בעט דעם עולם מ׳זאל נאךווארטן 2 — 3 מינוט, מ׳ווהל קומען צו החלטות. זייט אזוי גוט, ווארט׳ס נאך 2 מינוט[245].

נירבאטער: ...איך וויל דא איבער געבין א ליסטע פאר די דריי, דריי משגיחים וועל איך איבער געבין וואס זיי קענען גיין עני טיים קוקען ווי אזוי עס זעהט אויס[246].

הרב יחזקאל הורוויץ: מאנטעווערער רב אנטשולדיגט, איך וויל אייך פרעגן א שאלה למעשה. מיר דאכט זאך אז, די רבנים ואני בתוכם, אז מען וויל זיך אוסלערנען זאך, לכה״פ ביז מען זאן האבען דארף דויערן 3 חדשים, בין איך גערעכט? — — — —

איך מיין אפילו מ׳זאל זאך אפגעבן — — — — וויא אזוי — — — — איין מינוט אנטשולדיגט — — — איך מיין נישט די הלכות דוקא, ביז מ׳קומט דאך נישט — מען קען דאך נישט יעדן טאג קומען און דאס — — — — איז אזוי איך וויל אייך שטעלן די שאלה[247].

**נירבאטער: איך זאג אייך אפען, אין שלאכט־הויז לאז איך קיינעם נישט אריין דאס איז שטרענגסטען פארבאטן[248].**

**— נישט פאר מיר — — — די פלאטץ וואס די בהמות לויפן און גייען דאס איז נישט פארהאנען.**

שואל: אבער אין פריזידער קען מען אריינגיין?

תשובה: עס איז נישט פארהאנען. עס עקזעסטירט נישט.

שואל: וואס דארף מען זען דעם חלק אחוריים? דעם חלק אחוריים איז נישט?[249].

הארוויץ ממשיך: וואס איך וויל פרעגין איז דאס, איך זאג נישט, אנטשולדיגט, איך האב נישט געענדיגט מיין שאלה (מדברים). איך האב נישט געענדיגט מיין שאלה, איז גוט, איז 10 וואכן, עכ״פ ס׳געדויערט צייט, ווייל מען מוז נאך מאכן אזאך בשלימות (סיגעט: יא), געדויערט דאך צייט איז ביז וואס וועט, קען מען זאגן אז מ׳קען עסין. יאכלו ענוים וישבעו? אדער זאל מען זאגן, אז — — — א א[250].

הרב מסיגעט: איך וויל אייך (יא דאס האב איך געפרעגט, יא) איך, דאס בין איך נישט, אזוי איך האלט, אז דע ״בוטשערס״ וואס מען קאן זיי — — — ועד דא גרינבוים (איך זאג נאר דא) צו ר׳ אברהם קאהן, די היימישע אידן, וואס איך ווייס זיי קענען ניקור ס׳קומט אריין[251].

אויב ערהויפט היינט האט מען ג׳מאכט, קיין אחוריים קומט נישט אריין[252].

און זיי האבן נישט אזוי פיל בוטשערס, ס׳גארנישט דא אזוי פיהל, עס קומט אריין — — — מ׳ שניידט אראפ דארט, נאר וואס — — — ביז וויא לאנג מ׳וועט קומען צו א פתרון — — — קעמען זאגן אז די אלע בוטשערס (דיבורים ורעש)[253].

הרב לייטנער: ר׳ יחזקאל, ר׳ יחזקאל מ׳פרעגט מיך, זאג איך אזוי ס׳קיין איסור איז נישט נתברר געווארן, און ווער עס, האט גענעסן ביז היינט אז מען קען די רבנים המכשירים — — — אויף זיין אחריות, יעדער קען עסין אויף יענעמס אחריות, אויף מיין אחריות קען קיינער נישט עסין (ויכוחים גדולים)[254].

מען גייט אוועק פון דא — — — מען וועט מאכען א תיקון — — — דריי חדשים? דריי חדשים, א תיקון? דער תיקון דארף זיין על אתר, א תיקון על אתר דארף מען זען[255] — — — —

הרב מסיגעט: ...טארעטיש פראקטיש דארף זיין אזוי. איהר וועט זיך פארבינדען מיט דעם מאנטעווידעאר רב און איך מיט באטטערער רב און אנהויבין צו גיין יעדער איינער היינט די וועלען גיין דע צוויי יעדן טאג קען מען גיין צו וויינשטאק׳ן[256].

נירבאטער: צו וויינשטאקן קען מען גיין יעדן טאג, אבער נישט אלטין דע־זעלבער איך וועל שוין זען צו ארדען וועלכע טאג וועלכע...

שואל: מארגן, קען מען שוין זעהן? (וויכוחים — — —)[257].

הרב מסיגעט: דאס איז נישט קיין שלעכטע פלאן, ער זאגט אזוי. אז מ׳זאל ארויס געבן אז דערוויל, אז מ׳האט פעסט געשטעלט אז די האבען נישט קיין ממשות און יעדער איינער איז בחזקתו, אז איינער האט געקויפט בא אברהם קאהן זאל נישט קויפן[258]. אונז געבין נישט קיין הכשר פאר קיינעם נישט. ווער ס׳האט געהאט א הכשר ביז איצט, איז כמו שהיה.

(יצחק גליק: הכל כבחזקתן) וואס? ווער ס׳האט געקויפט זאל ווייטער קויפן[259].

יצחק גליק: זאגט איר די מסקנא, זאגט איר אזוי — דע וואס האבן געקויפט, ביז דערווייל אין די בוטשערס האט מען געטראפן אויף די אידן יו״אים ושלמים — — — סתם נאר א בלבול[260].

הרב לייטנער: איך זאג עפעס אנדערש, די זעלבע רבנים, וואס זענען דן, זאלן אויסארבעטן א קול־קורא, ס׳איז — — — — א קול קורא א נוסח זאג א נוסח — — —. זעלבע פאר טעג[261].

יצחק גליק: זאגט א החלטה, אז עס זיציען א מיטינג, מען קען שרייבן אן אנדערע זאך, אז עס זיצען א מיטינג, מען האט געזעהן עס איז דאך צוואם געקומען אזויפיהל און אזויפיהל רבנים און מ׳האט געזען. אז דעם ענין פון ערעור האט מען נישט געטראפן קיין ממשות במילא איז נישט איתרע חזקתן, אין דעם *SF* מ׳זאל האבן א חשש געטראפן חלילה מכשיל זיין אידן מיט חלב.

ווייטער וועגן דעם אויף להבא עט מען מאכן א סדר וועגן דעם אז ס׳זאל זיין א משגיח (מדברים) געמאכט דעיים קען מען זיכער שרייבן, מ׳האט נישט געטראפן — — — —

שרייבן א בריעף — — — ויכוח ארוך מאוד ובלתי אפשרי להבין הערבוביא[262].

**תם ולא נשלם, בעוה"ר ירחם ה'**

**מספר ההערות:**

**הוספה:** ממה שנמסר לנו מאחד הרבנים שנוכח במקום מה שלא יכלנו לפענח היטב מרעש בטעייפ.

**הרב מטענקע:** מען טאר נישט טאן. ס'וועט הייסן, קאשוי רב האט מנצח געווען.

והשיב לו הרב מאדווארע: שעמט זיך, יא נצחון נישט נצחון וכו'.

**הרב מווינא:** צעק על הנ"ל. קאשוי רב דעדט ארויס פון אייך.

✡ ✡ ✡

# כדת של תורה

## רשימת המשתתפים הדוברים באסיפה
(לפי הסדר)

יו"ר — טארטיקאווער
הרב לייטנער
הרב דביכנ"ס ווינא
הרב לייטנער (המשך)
הרב נירבאטער
הרב ווינא
דיברי וויכוח: נירבאטער, הרב סיגעט, הרב לייטנער, ווינא.
הרב דק' סיגעט־סאטמאר
פאפער רב (מתווכח)
הרב יצחק גליק—מזכיר
יושב־ראש
הרב דאדווערע
יצחק גליק (הכרזה באמצע)
הרב מאדווערע (המשך)
יצחק גליק (מכריז, הבט בתוכן)
הרב טענקע
יצחק גליק (מכריז)
הרב טענקע (המשך).
יו"ר
הרב יצחק גליק.
הרב י' האגער
לאנדסבערגער רב
הרב מסערדעאל
הרב מווייטצען
הרב מאראד
הרב מסיגעט
מזמין להרב וויטצענער, לדבר.
וויכוח אודות בחירת "קמיטי".
יו"ר:
הרב נירבאטער, הרב לייטנער, סיגעט, ווינא.
יצחק גליק

הרב מייזליש (ממשיך)
הרב י' הארוויץ
דיין קהל ייט"ל (וואי"ב)
הרב י' האגער (הוספה)
פלוני אלמוני
סיגעט
יו"ר
ויכוח חם בענין ה"קאמיטי הגדולה".
יצחק גליק
קאמיטי שני' של צעירים
יצחק גליק
השתדלות אצל הנירבאטער — הרב לייטנער והרב מסיגעט.
יצחק גליק
הווינער מכריז החלטות ע"ד עצמו בתור יו"ר.
יו"ר.
הרב לייטנער
יצחק גליק — מעקב את המשתתפים מלעזוב את המקום, בכדי להכריז "החלטות". יצחק הרב הארויץ. בשאלה גלוי' להר' לייטנער.
הרב נירבאטער (מתערב)
הרב מסיגעט (עונה)
עוד דברים מהרב מסיגעט, מנירבאטער.
הרב גליק —מחליט
הרב לייטנער — מתערב, ואינו נשמע.
גליק — ממשיך ומסיק המסקנא וההחלטה...

# מסקנות האסיפה ב"התאחדות" (כ"ה תשרי תשמ"ג)

## ע"פ העתקה מדוייקת מטעייפ

**(אינו דומה שונה פרקו ק' פעמים לשונה ק' פעמים ואחד)**

(כל מקום שנמצא סוגריים כזה ( ) על מספר — הכוונה להערה או לדיוק או לסתירה וכדומה).

1) איז דא אין אמעריקה, א סדר הניקור, אדער הפקרות הניקור!
4-8-19-24-25-50-65/57 146-147, 170-173, 174-176, 198-199!

2) אויב עס איז דא א סדר ניקור, פארוואס, איז איינער מציע אויף די אסיפה אז דעם דינעם, און דיקען "טענדערליין" זאל מען אינגאנצן נישט ניצען?
———— 179!

3) איז פאראן א חוסר ידיעה בכללות אין ניקור?
———— 3, 8, 18, 25, 43, 95!

4) זענען געווען מנקרים וואס האבן אפי' נישט געוואוסט, פון פארשידענע "חלבים" דאורייתא?
כגון ביים טענדערליין! — 43,41,24, וע"ע במכתב מרן מקאשוי שליט"א עמוד ה' אות ד'.
און אזוי ביים לעבבער!—25 ועיין במכתב הנ"ל עמוד ה' (ח).
און אזוי ביים טחול! — החלטת התאחדות, ב' תמוז תשמ"ב.

5) קומט אריין בשר אחוריים צו די בוטשערים? און קען מען זאגן אז ר״ב מאל? — 50,21,18,7, 52, 53, 55, 56, 138, 139, 172, 173, 174, 176.

6) האט מען פארקויפט חלק אחוריים, צו נישט? — 7 — 18.

7) וויפיהל "אינטש" קען ווערן צו געלאזט מיט'ן חלב? — 8.

8) איז געווען אין אמעריקה ביי וועמען צולערנן ניקור? (ועי' במכתב הר״ב שליט"א סיבת המכשולות (ב) ר־(ג)) — 10 (15).

9) ווערט גענוצט חלקים פלייש, וואס זענען אין אונגארן, נישט גענוצט געווארן? — 17, 24, 137, 173, 179, 186.

10) זענען פאראנען, חלבים דאורייתא, וועלכע זענען נישט דערמאנט, אין ספרי שימוש לניקור. כגון ספר גבעת פנחס? — 24 (15) 25.

11) מיט וויפיהל חֵלב דארף מען נכשל ווערן, מען זאל פארשטיין אז עס איז "עק־וועלט" רח"ל? — 30.

12) אויף וואס האט מען זיך נישט געהאפט, אז עס דארף ניקור? — 4, 8, 18.

# כדת של תורה

13) הרב מסערדעאל: מען זאל מדקדק זיין אויף דעם אז מען זאל נישט רעייניגען קיין פלייש, געפרוירענערהייט ווייל איך זאג אייך בהחלט, מענטשן האבן אויף דעם מודה געווען, אז מען רייניגט פלייש געפרירענערהייט פארלירט די קענטעניש האטשיך אויף זיבעציג פארצענט, איך וויל ס'זאל דאס איימיצער נאכזעיין (והסתכל עוד בפנים מה נעשה בדבריו) — 155!

14) איז געשען אפל'דיקער ענדעקונג, פון "דורכלאזן" חלבים דאורייתא לכל הדיעות? טענדערליין און כבד — 24—25.

15) צו וויפיהל בוטשעריס איז מען געגאנגן בודק זיין, און ביי וויפיהל האט מען דאס געטראפן? — 24, 25.

16) זאגט דען נישט די סברא פון "תירוץ" אז די זעלבע חלבים, קען זיך געפינען אין אנדערע בוטשעריס אויך?...

17) מיט וואס האט מען זיך בארוהיגט, נישט צו טאן דעם חוב, לאפרושי מאיסורא, דעם גרויסן רבים? — 24—25.

18) וואס איז די סיבה, און וואס זענען די שווערקייטן, פון נישט מודי"ע זיין: יעדן וואס ברויך צו וויסען? — ועי' במכתב מרן שליט"א. סיבת המכשולות, עמוד ד'.

19) וואס באשטעטיגט די אסיפה בנוגע: טרפש הכבד, חלב הכליות, טענדערליין שלעיים וקרומים און אחוריים? — 57, 65, 76 — 173, ועוד.

20) פארוואס האט מען "אפגעמאכט" דעם 4 — 6 וואכנדיקען רעוועליציאנערישען תיקון (וואס קען נישט בלייבען אויף שטענדיג)? — 54, 55, 56, 176, וע"ע במכתב מרן שליט"א, המכשולות אות ב', ואופני התיקון בדף ז'.

21) וועגן די פראגע, רבנים משגיחים זאלן קענען ניקוד והלכותי' — 17, 96, 97, וע"ע במכתב מרן עמוד ד'(ב).

22) מען טאר זאך נישט פארלאזן אויף די מנקרים, אפי' זיי זענען מומחים, ס'זאל זיין רבנים, וואס זענען בקי בכל פרטי' ודקדוקי', זיי זאלן נישט זיין תלמידים פאר די מנקרים. דאס איז נישט דאס ריכטיגע! הרב מפאפא — 121, 128, וע"ע במכתב מרן שליט"א סיבת המכשולות.

23) וואס האבן רבנים באסיפת "התאחדות" באשטעטיגט וועגן ניקור פון צלע י"ב-י"ג? — החלטת אסיפת "התאחדות", ב' תמוז אות ב'.

24) זענען די רבנים המכשירים מודה, אז אויב מען ניצט צלע י"ב-י"ג דארף דאס ניקור? — 45 (57), 66, 69, 77, 118, 172.

25) האט מען דאס מנקר געווען? — החלטת "התאחדות" הנ"ל. וע"ע במכתב מרן עמוד ו' אות ה' (יא).

26) מעג מען משנה זיין דעם ניקור, וואס מען האט נוהג געווען אין דערהיים? — 45, 137, 173.

27) האט מען טאקע נישט משנה געווען? — 139, 178, וע"ע החלטת "התאחדות" ב' תמוז תשמ"ב.

28) האט מען אין די שטאט, סאטמאר, געשניטען נאכ'ן צלע י"ג (אזוי וויא אין אמעריקה)? — 137, 173, ועי' במכתב הרב שליט"א סיבת המאכלות ה'(ב).

29) זענען הזנחות מכשולים חוסר השגחה וכדומה, פונקט וויא אין די אלטע היים? — 173, 174, 176. ועי' במכתב הרב שליט"א סיבת המכשולות.

30) קען מען זאגן, אז מען פיהרט זאך וויא אין אונגארן?

31) איז פאראן הזנחות? — 41, 43, 50, 52, 53, 66, 99, 137, 138, 147, 153, 155, 172 — 176, 187, 191, 198.

32) איז דען נישט דער "פראבלעם" פון די "מכשולים" און "שגיאות" און "נישט חאפן זאך" אפראבלעם פון ריכטיגע איסורים חמורים רח"ל — 43, (26, 29), 57, 65, 176.

33) האט מען פארקויפט חֵלב, אדער ספק חלב, פאר "היימישע" אידן? — 7, 8, 18, 25, 41, 43, 50, 66 — 57, 135 — 139, 155, 173, 174, 176.

34) וואס זענען די סיבות, וואס אין די לעצטע יארן איז געווארן נאכגעלאזן? — 17, 19, 24, 155, 170, 198, 199. ועי' במכתב הרב שליט"א סיבת המכשולות.

35) א פארשלאג, צו ראטעווען פון די הזנחה! — 243.

36) וואס האט איינער פון די "אסיפה" פארגעלייגט וועגן די אמת'ע פראבלעמען און זייער תיקון? — 199.

37) קען מען טרעפין חלבים דאורייתא, כגון חלב הכליות, ואצל הכבד, טענדערליין וכדו' אויב ס'איז נישט דא קיין השגחה? — 24, 25.

38) וואס האט געזאגט הר' זלמן בריזעל, פארן "טעראר"? — 6, 7, 24.

39) האבען די דיינים אין ירושלים צו אלעס מסכים געווען? — 34!

40) וואס האבן זיי געזאגט וועגן זייער ידיעה אין ניקור? — 33!

14) פארוואס שטייט נישט אין כתב ב"ד (העדה) וואס איז געדרוקט אין "התאחדותנו" וועגען דעם נישט ניטצען דעם צלע י"ב-י"ג. — 34.

42) ווער האט באשטעטיגט דעם מעורר פון שנת תשל"ט, וועגן, פרצת הניקור? — 9.

43) ווער האט קובע געווען דעם ניקור, וואס ירושלימער מנקרים (חרדים) ובראשם הר"ר גד טורעביץ שליט"א גיבען איבער? — 27.

44) די "פשרה" צווישן בהמה גסה און דקה? — 181.

45) עקזיסטירט עפעס א השגחה אויפ'ן ניקור? — 18, 19, 24, 25, 41, 43, 95, 146 — 173,149, 174, 176, 199.

46) למה רגשו, ארום ניקור פון "פלעייט" (פלעייט איז א חלק בהמה, וועלכע די קצבים בדרך כלל אין אמעריקה קענען דאס נישט מנקר זיין, דאס איז שטארק נוגע לגבי די כשרות פון "סאלאמי" — הסתכל במס- 225-226.

47) וואס איז דער גרויסער פראבלעם צו קענען באקומען חלקים פלייש, אויף צולערנען ניקור? — 219, 232.

48) וואס האט מען מורא אז מען זאל "מיט גיין"... א בליק געבין אין "שלאכט־הויז", און ביי וויינשטאק? — 218, 219 (221).

49) איך זאג אפען, אין שלאכט־הויז, לאז איך קיינעם נישט אריין!!! — 248.

50) פארקויפט מען פארן עולם "סירכא פלייש" בלי ידיעתם? — הלואי וויא מ'ניצט יא... פאר דעם עולם קען מען זאגן מע נוצט נישט קיין סירכות, דאמאלטץ וואלט איר נישט גקענט האבן קיין פלייש צו פארקויפין... הר מסיגוט, הלשון במלואו 70!

51) זענען די הארבע חלבים געפונען געווארן אין בוטשעריס וואס שטייען אונטער רבנים משגיחים? — 35! עיין עוד בהחלטת התאחדות כ' תמוז ועיין במכתב הרב שליט"א.

52) איז טאקע די גרויסע "השתדלות'ן" פון רבנים ביי וויינשטאק'ן — ווינגן א "מילתא דלא שכיחא"? — 137, 173, 174, 176.

53) פארוואס פארלאזט מען זאך נישט, אויף די מנקרים־בוטשערס, נאר מען מוז זאך "שטארקען" מיט שתדלנות בא וויינשטאק (אזוי ווי פאר פריץ. אז ער זאל די אלע "פראבלעמען", איבערלאזן פאר זיך? — 57—65, 176! ועיין במכתב מרן שליט"א, בסיבת המכשולות אות א'.

55) וואס שטעקט אונטער דעם, וואס "וויינשטאק האט מקבל געווען אויף זיך" כדי הרב דוינא זאל גיין צו די מיטינג? — 239.

56) און נאכדעם "וואס ס'איז דא א מציאות" נישט אריין שיקען צלע י"ב צו די בוטשערס — 200.

און נאך דעם וואס וויינשטאק האט אויף זיך "מקבל געווען" (239) איז וועמענס שולד איז אז דאס איז נישט געטאן געווארן — טראץ די אלע מכשולים. וואס די "נוגעים" אליין זענען מודה אויף זיי? (אזוי וויא ס'איז קלאר פון דעם מהלך האסיפה, און שפעטערע פרסום זייערע!!!).

27) וועלכע גרויסע תיקונים וועט געשען, ווען אהרן וויינשטאק וועט וועלן? — (עדות הרב מסיגעט 176, וע"ע במכתב מוה"ר ר' משה דוב בעק עמוד ח):

58) הביטו וראו פאר וואס דארף יעדער טאנצן, קדוש, און זיך לאזין כופה זיין אויף חלב וכו' — צוליב נישט באוואוסטע סיבות, און צוליב א האלסעיילער'ס געלט פראגע, מיט זיין שלאכט־הויז? - קוקט 201 (239).

59) נאך אלעם, וויזט זאך ארויס אז: די וויכוחים אויף די אסיפה, זענען גארנישט תלוי און קיין רבנים, נאר ס'וועגט זאך, צו אהרן וויינשטאק "וועט אזוינס וועלען שטענדיג טאן". כדברי הרב מסיגעט — 176, 239, 241 והבט בדבריו 57.

60) אדווערער רב איז מודיע: אז ס'קומט רוב מאל אריין — אין די בוטשעריס — חלק אחוריים, און חלב פון טיפש הכבד קומט אריין — 137—139.

61) א "עדות", אז ס'זענען פאראן "מנקרים" שאינם נאמנים ע"פ תורה, ואין להם שום מושג בענין ניקור, ולא שום הרגשה לכשרות בכלל, ואפי' לשמירת שבת אינם נאמנים (והסיבה לכך) — הרב מלאנדסבערג 146 — 147. ועי' במכתב הרב שליט"א סיבת המכשולות, ג'.

## הודאות בעלי־דין

62) ווינא, אז ס'איז בא עם אין סטאר (אונטער זיין השגחה) נישט געווען כשורה! — (236) 57. 59.

הרב ווינא, לווינשטאק זיך דיך נישט קיין (כרת) [צרות] פאר כל ישראל". — הסתכל 57, 176, וגם במס' 239.

סיגעט: אז נאר אדאנק קאשויער רב'ס שליט"א התעוררות האט מען אנגעהויבן זיך נאכפרעגן וכו' — 54, 55, 174, גם בדברי הרב לייטנער.

סיגעט: אז די תשו' חתם־סופר (ס"ח) בנוגע צלע י"ב, איז נישט שייך צו אמעריקה — 176, 177.

סיגעט: אז מען שניידט בא וויינשטאק'ן נאכ'ן צלע י"ג און ווייטער אן חלק אחוריים! — 55, 174, ועי' במכתב הרב שליט"א סיבת המכשולות אות י'.

סיגעט: אז ס'איז דא א מכשול פון חלב, ביים טרפש הכבד! — 58.

סיגעט: "פארשטייסטו, דער ניקור דארף האבן תיקונים"! (להנידבאטעו 220).

וועגן "ארגענעלע" בריעף?! (בחדר"ג) — 78, 79.

סיגעט: באשטעטיגט, ס'קומט אריין חלק אחוריים בקביעות, צו די בוטשערים! — 53, 54, 55, 56, 58, 65, 173 — 177, 252, 253, יותר ממה שאומר הרב שליט"א במכתבו סיבת המכשולות (ה), ועוד.

סיגעט: עס קומט אריין מיט'ן אחוריים, ווייל מען קען נישט האבן א משגיח פארטאגס! — 55.

סיגעט: וועגן דעם מקור פון פרצת החלב! — 55, 57, 62, 173 — 175 (ועיין 105).

סיגעט: די אמתע סיבות, און בא וועמען דארף מען "פועל'ן" וועגן נישט ניטצען צלע י"ב-י"ג און נישט גודר זיין די פרצה, פון דורכלאזן חלק אחוריים בקביעות, און נישט מנקר זיין?! — 52, 55, 57.

63) דא"ק (2) 17; און די אלע מנקרים, וויא אזוי געווען דער סדר, קיינער איז דאך נישט געגאנגען צו ארב לערנן ניקור... האט זיך איין מנקר געלערנט ביים צווייטן, איז געקענט אויסקומען פארשידענע זאכן... איך אליין האב געטראפן מנקרים, וואס געוויסע זאכן האבן זיי נישט געכאפט... ועיין בדברי הרב שליט"א במכתבו סיבת המכשולות אות ג'.

64) אין וועמענס באנד איז געווען און ס'איז צופארעכטן די פירצה? — 105.

65) הסיבה האמיתית! וועמען דארף מען באזייטיגן — כלשונם — לויז ווערן פון עם — 169.

66) סיגעט: "הייגט האט מען געמאכט, קיין אחוריים קומט נישט אריין... ביז וויא לייגג מ'וועט קומען צו א פתרון — 53, 252.
"מען קען בא דעם אזוי נישט בלייבן" — 120, 176, 200, 201.
"איך וויים נישט צו ער וועט אזוינס וועלן שטענדיג טאן"! — 176.

67) קען מען זאגן, אז אין דעם ענין פון צלע י"ב-י"ג איז נישטא "קיין פלוגתא", כדברי הרב מסיגעט — 74 — 76.
קען מען זאגן, אין דערהיים האט מען נישט גענומען קיין סירכות ווייל מען האט נישט געברויכט"—כדברי הרב מסיגעט — 74.
האט מען מוציא לעז געווען און מוציא ש"ר געווען אויף ראשונים כמלאכים, און אויף זייער קבלת הניקור, און מערער געווען אויף גדולי עולם אין ארץ־ישראל, און אין די אלטע היים.—הסתכלות בדברי הנ"ל — 15, 16, 78, 100, 168, 175.

68) דברי הדיין (וומ"ב): "דער עולם וועט דאך מיינען, אז בלויז די השגחה פון ניקור, עס איז דאך דא, נאך חששות. חלילה טאמער מען ברענגט אריין אנדערע זאכן נבילות וטריפות, איך מיין די השגחה זאל זיין א השגחה אויף אללעמען (ועי' במכתב הרב שליט"א סיבת המכשולות!) — 196.
"די משגיחים זאלן האבן א רעכט צו קוקען וואס מ'ברענגט אריין אין סטאר, און וואס מען טוהט, און וואס מען מאכט, דארף זיין א השגחה פון אללעמען — 195.

69) וואס זאגט הרב דווינא וועגן דעם מקור החלב — 50, 57.

70 הרב לייטנער: "וואס דער קאשויער רב האט יעצט מערער געווען האט נאר נישט צוטאן מיט מנהגים ס'האט צו טאן מיט... — 170.

71) אישור מאסיפה והחלטת א' תמוז על מכשולות שמפרטם הרב מקאשוי במכתבו עמ' ה' בה-י"ב חלבים אותיות ג' ד' ה' ז' ח' ט' י"א — ובדא"ק (2) — 39 — 24, 51 — 55, 58, 176 — 177, 236.
וחוץ הי"ב חלבים הנ"ל הודו על עוד חלבים טבור — 55, 176 — 177; טחול — כבד — בהחלטת א' תמוז, ובמס' 25.

72) זענען די אלע — אויבענדערמאנטע — פרצות, תלוי אין מנהגים בכלל, אדער מנהגי הספרדים בפרט, און צי זענען טאקע געווען מקומות אין אייראפע וואס ס'איז געווען מותר (ח"ו) חלב הכליות, חלב שעל הקרב, טבור, אחוריים שעל הטחול וכיוצא?! — 8.

73) ווערן רבנים באשריגען, און זייער "רשות הדיבור" ווערט צוגענומען פאר'ן חשש אז זיי זאגן אמת? — 22, 135, 150, 151, 153, 156, 170, 179, ועוד.

א דוגמא פון א רעדין, וואס איז כדאי יעדער זאל דאס גוט דורכלעיינען (מהרב הארוויץ) — 183 — 192.

74) ״נאמען״, דערמאנט ביי די אסיפה, נישט גענוצט צלע י״ב אפי׳ מיט ניקור! — באבוב, וואוידיסלאווער געגינט, צאנזער גליל (עדות רבנים) גראסווארדיין, ביים ערוגת הבשם, קליינווארדיין, חוסט, זימבערגן, ועוד! 13, 14, 34, 75, 136 — 138.

וועגען ניקור פון צלע י״ב-י״ג (הרב מטענקע) — 14.

75) יו״ר: ״איך שלאג פאר (א קאמיטי) מיט׳ן אדווערט רב״... — נירבאטאר: ״איך בין הונדערט פראצענט דערגעגען״. יו״ר: איך וו״ל איינער זאל זייך דער געגען ווערט ארויסקומען א אמת... — 163.

# החלטות האסיפה

76) הרב הארוויץ שואל: ״ביז מ׳וועט זאך אויסלערנען צו קענען מאכן א השגחה, ד״ה 10 — 12 וואכן קען מען זאגן, מ׳קען עסין, יאכלו ענוים וישבעו אדער נישט״? — 250.

הרב מסיגעט משיב: ״ס׳דא א פאר היימשע בוטשערס, און ס׳דא א ׳אפמאך׳, אחוריים קומט נישט אריין!״ — 251 — 252.

(הערה: אינו מובן. וואס איז מיט די איבעריגע בוטשערס. און די איבעריגע צייט נאך די 4 — 6 וואכן?) פראקטיש דארף זיין אזוי: מ׳דארף נעמען, דעם מאנטעוועדיאר רב מיט בארטער רב, זאלן אנהובין צו גיין״ (ד״ה, דעם בעל מכשיר זאל אנהויבן קאנטראלירען די בוטשעריס מיט נאך איינעם). — 256.

— מ׳האט פעסטגעשטעלט... און יעדע איינער בחזקתו״ — 259.

— ״הכל בחזקתו״ (דברי יצחק גליק) — 259.

— ״ווער ס׳האט געקויפט זאל ווייטער קויפן״ (דברי הרב מסיגעט) — 259.

— ״זאגט איר די מסקנות... דעיי וואס האבן געקויפט, ביז דערווייל אין די בוטשערס האט מען געטראפן אויף די אידן יראים ושלמים... סתם נאר א בלבול (דברי יצחק גליק) — 260.

הרב לייטנער: די רבנים זאלן נאך דן זיין ווען דעם ענין פון קול קורא!״ — 261 (הערה: כ״ז גענצלאך, איגנארירט.)! — 9.

הרב מווינא: ״נעמט איבער״, דעם יו״ר אמט, אלע הצעות ווערן איגנארירט, צוזאמען מיט די האלבע החלטות, און קאמיטיס, און ״אופני תיקון״ — מיטן אויסרופן, דאס איז באשלאסן געווארן, ״מכאן ואילך איז אלעס אין ארדענונג!!!״ — 239 — 240.

— הוספת יו״ר (הראשון): ״בשיטה אחרונה, אופ׳ן ניקור עכ״פ זאל מען קענען בודק זיין״! ״אופ׳ן ניקור אליין יא האבן א השגחה, דאס קען מען יא בעטין ר׳ אהרנ׳ן!״ — 241.

# בדת של תורה

— שאלת המעתיקים: נא — קען מען שוין זאגען יאכלו עורים וישבעו?! — 41, 95, 176, 240, 250.

# החלטת המזכיר

77) דער סעקרעטער פון אפיס זאגט און ער איז דער מחליט פאר די אסיפה, און שרייבט אין זייער נאמען: "זאגט א החלטה, מ'קען שרייבען א אנדער זאך, מ'איז דאך צוזאמען געקומען, אזויפיהל און אזויפיהל רבנים, און מען האט געזען, אז אין דעם ענין פון ערעור האט מען נישט געטראפען קיין ממשות, במילא איז נישט איתרע חזקתן. אין דעם מ'זאל האבן א חשש חלילה מכשיל זיין אידן מיט חֵלב. דאס קען מען זיכער שרייבן מ'האט נישט געטראפען!!!" (החלטת הרב גליק) — 262.

78) "ר' אהרן — האב איך עם געזאגט — זוך דיר נישט קיין (צרות) פאר כל ישראל, זאל דאס דיך קאסטן אפי' נאך צוויי מענטשן, מיר זאלסטו אראפנעמען דעם שלעיים אויך... און אן דעם חלב... נישט נאר דער טנור עס איז דא וואס זיי זאגן אז דאס איז א חלק פון חלב הכסלים... הערט אויס מ'רעדט מיט עם צווישן פיהר אויגן...! — 57 — 62 (דברי הרב מווינא).

הרב מסיגעט מוחה כנגדו: "הערט זאך איין, איך מיין ס'קען דאך נאך ווערן א מכשול, מען קען דאך נאך מיינען אז ס'קומען אריין... גלויבט מיר איך בין זיכער. אז דאס איז 'אונטערגעשטעלטע זאכן'!" — 63 — 65. ועי' י"ב החלבים במכתב הרב שליט"א.

שאלת המעתיקים: אז ס'איז נישטא קיין ממשות אין דעם התעוררות, וועגן וואס האט מען זאך גערארפט ארומאמפערן 3 שעה, און צו האט מען דען 'עפעס אויסגעפיהרט? ירחם ה'.

79) מען קען נישט זאגן, ידינו לא שפכה את הדם הזה, ס'איז געווען א התרשלות, און מן השגחה, אבער קודם כל זאל "ארויסקומען" א קול קורא פון: התאחדות, אז מ'האט אלעס מברר געווען, אז ע"פ הלכה איז נישטא קיין חשש נישט — 183 — 191 (דברי הארוויץ). — 10.

80) דברי הרב לייטנער: "דאס ענין פון ניקור איז דאך אין די לעצטע דרייסיג (30) יאר... דאס מוז מען דאך אליין מודה זיין... בדרך כלל האט מען נישט געוואוסט דעם ענין פון ניקור וכו' (יש לראות בדיוק בפנים כל השייך) — 17.

81) דברי הרב מסיגעט: "און יעדער מנקר מוז באקומען פון 3 רבנים אז זענען געשטאנען בנסיון, און זיי קענען די הלכה! — 98. (ועיין גם בדברי הרב לייטנער — 43).

82) ס'איז נישט גענוג "א השגחה" אויב די בוטשערס קענען נישט — 95 הנ"ל.

83) האט מען טאקע פארהערט די "קצבים", ווער און ווען? — הבט 231.

84) לייגט זאך אויפ׳ן שכל, אז די "שערוריה" וואס האט געבראכט צו די "פארווייטיגעטע" אסיפה איז וועגן עפעס "ווייטע" בוטשערס? — 1, 50, 55, 122.

85) איז באשטעטיג געווארן ביי די זעלבע אסיפה, אז די פרצות חלב, האנדעלט זיך וועגן "היימישע" בוטשערים, אונטער רבנים? — הבט החלטת אסיפת התאחדות תמוז תשמ״ב (נ.ב.) ועיין היטב — 54.

56) געוואלד, פארוואס קען מען נישט ממשיך זיין דעם 4 — 6 וואכנדיקען "תיקון" ראטעווען פון איסורי חלב? — 53, 56, 57 (ועיין עוד במס׳ 20 לעיל).

87) וויא לייגג האט געדויערט ביז א "אסיפה" וועגן דעם חורבן? — 9.

88) וואס נאך איז נתגלה און נתברר געווארן ביי די זעלבע אסיפה? — 14. וע״ע בהחלטת הנ״ל.

89) האבן זאך "קצבים־מנקרים" אין אמעריקא געלערנט ריכטיג, און גענומען בא א רב אבעשטעטיגונג, און צו איז געוועזן אויף דעם "השגחה"? — 14, 19, 43.

90) איז עפעס א חסרון, אין דעם וואס מנקרים האבן נישט קיין קבלה? — 17, 19, 30.

91) האט די הנהלה און נשיאות" פון התאחדות געוואוסט — לכה״פ — א גאנצן זומער (תשמ״ב) אז ס׳איז זייער נישט אין ארדענונג, בענין חלב רח״ל? (אויסער דורך די הכרזה אין מאנסי) — ממס׳ 7 עד 12, 14, 18, 19, 24, 25, 66, 93!

92) האט דער שליח (וואס איז נתמנה געווארן מטעם האפיס לגעזען קלאר דעם זומער וואס איז דער מדובר? — 7, 11(14).

93) נא, וואס איז געטאן געווארן למעשה מונע צו זיין אידן פון מכשולים, אין גודר צו זיין די פרצה זינט ד׳ אייר תשמ״ב (י״ט למב״י) ביז היינט? — 9, 24, 25, 50.

95) ס׳איז נעלם געווארן, די גאנצע "קאמיטי" וואס האט זאך געדארפט לערנען ניקור, און בודק זיין תמיד דעם ניקור אין די בוטשעריס? — 234, 238.

96) זייער "ממלא מקום" ווערט די "נוגעים" — מכשירים — 234, 238.

97) א קלארע באשטעטיגונג: אז ליידער קען מען דעם מצב נישט מתקן זיין מיט קיין "קול קורא׳ס" און מיט "ג״ינט אויף מארגנ׳דיגע" השגחות.

98) א געשפרעך — געגוג פארשטענדליך: אז עס פעלט נעבאך דער גאנצער יסוד און בסיס, בענין ניקור והשגחה, אפילו אויף די 20 "היימישע" פלייש געשעפטן — 205, 206, 207, 250.

99) יש לציין על מורא בי״ד השורה, שגורם ללשונות מגומגמות ודמישתמע לתרי אנפי, וחזרה במקצת בתוכ״ד וכיוצא להם ועוד — 21 — 22, 23, 132, 138, 146, 151, 170 ועוד.

100) לאחר קריאת כל האמור, אנו מבקשים מכל קורא, שיטריח עצמו לחזור על דברי הרב שליט״א בתשומת לב, ויראה שכולו מאושר ע״י הפלגאים שעליו אות באות. כי ציוננו ומראי המקומות, הנם רק לדוגמא, ותן לחכם ויחכם.

### סוף דבר

101) 1) אין בארא פארק איז דא 8—10 בוטשערים, און בס״ה איז דא 20 בוטשערס (״היימישע״) 37, 205.

איז נישט ביטער וויא גאל, אז אין פופצו (15) פון זיי, האט מען געטראפן מכשולי חלב? (אין יעדין געשעפט, עטליכע) עיין במכתב מרן מקאשוי, סיבת המכשולות.

2) איז די תוכחה און אזהרה טאקע געווען אויסגעטראכטע זאכן, א ״עלילת חלב״? (כדברי הרב מסיגעט — 68) — 4, 8, 11, 14, 24, 25, 54—65 (וע״ע בכל הודאות סיגעט). — איז דאס געווען ״אן אשום בארעכטיגונג״ כדברי הנ״ל—116.

3) אחרי כל הנ״ל, איז נאך וויכטיג ״צו־ווייזן״ די פלייש (י״ב מיני חלב) פון די בערך 15 געשעפטען וואס אלעס טאמעלט און שטורעמט וועגן דעם?

4) וועלכע רבנים וואס זינט זיי האבן ג׳הערט א חשש וכו׳ האבן זיי זיך משתדל געווען, בהצנע לכת, ביי רבנים וכד׳, כדי מתקן צו זיין און וועלכע האבן געוואוסט דריי און פיהר און זעקס חדשים, און גארנישט? (ליידער) — 179 ועוד.

5) צו האט מען, בשעת מען האט באשריגען דעם קאשויער רב שליט״א, געוואוסט אז ער איז נעביך כשר גערעכט? — 7, 3, 24, 25, 41, 43, 53, 55, 56, 54—65, 95, 170, 173-4, 176, 220, 239. וראה זה פלא (116).

עד כאן, ומכאן ולהבא חושבנא — ותנו כבוד לה׳ א׳ טרם יחשיך.

✡ ✡ ✡

# שיחת הרב דקהילת סיגעט־סאטמאר בקיבוץ אלפים נגד הרב מקאשוי שליט"א והוראתו

## בוומ"ב בראקלין — חוהמ"ס תשמ"ג

איצט וויל איך זאגען א ענין איר ווייסט מסתמא אלע, ווענען וואס איך וויל רעדען, אין איך האב מיך זייער געי־שבט צו איך זאל רעדען אין איך בין געקומען צו די מסקנא אז איך מיז זאגען, איך וועל אייך זאגען וואס עס איז, עס איז דא אזוי געשעהן, עס ווייסט יעדער איינער אינטרעסאנט איז דעס, איך האב נישט געהאט קיין נקמה,*[0] איך האב נישט געטויגט צו רעדען אסאך מיט מענטשען, איך רעד מיט א מענטש וואס איז וויכטיג צו הערען, סתם פלאשען פוסטע מעשיות, הער איך נישט, און ווייס איך נישט[1] און איך האב נישט אנגעהויבען צו וויסען, אז עס גייט שוין דא דורך חדשים לאנג פון פסח[2] און וואס איך האב אנגענומען מענטשען אז זיי זאלען אנהויבען צו קאנטראלירעןביידע פלייש בענק וואס מען דאל ארליידיגען עפעס מאכען מיט די שחיטה,[2-2] דאס[3] איז דער ענין וואס איז צוויי יאר צוריק גיוועזין נא! דאס איז נישט קיין עולה,[2-3] אידען קענען פרובירען אפשר קענען זיי עפעס מתקן זיין, עס ליגט אויף יעדען איד א חיוב מען זאל זעהן עפעס אויף צו טאהן,[3-3] אבער דער כלל גדול איז ביי די ענינים אז טאמער מיינט מען אמת שטרויכעלט מען נישט, אזא כלל איז, טאמער מיינט מען שקר מען מיינט פשוט לקנתר לימוד תורה וואס אויף דעם האט די תורה געזאגט אז נוח לו שלא נברא נוח לו שנהפכה שליתו על פניו, איז טייטש לקנתר אויב מען גייט זוכען א סעיף אין שלחן ערוך לקנתד דאס איז עכטע תורה שלא לשמה, מען קען אזוי נישט האבען קיין הצלחה מען מוז אריין פאלען וואס ווי אזוי פאלט מען אריין, עס איז דא מענטשען האבען בטבע פארשידענע טבעיות, שנאה איז אויך איינע פון די טבעיות פון מענטשען עס איז פארהאנען שנאה, טאמער איז דא שנאה צוגעבינדען דערצו מוז מען אריין פאלען, עס איז נישט קיין

מציאות☆, כ״ש א זאך וואס איז כולו כולו שקר כולו נישטא[4] קיין פיצל אמת ווי קען דאס האבען א קיום, און איך בין[4-2] איבערצייגט אז דא איז קיין ווארט נישט, איך ווייס נישט וואס מען האט דא געטראפען יא געטראפען, איך ווייס[4-4] זיכער אז דאס איז נאר פשוט גיווען אינטערצוגראבען דא גייט ארום, איך בין[4-5] איבערצייגס אז די אלע מענטשען זענען גיווען[5] שונאים פאר'ן פעטער זי״ע בחייו און זיי האבען דעמאלסט גיוואלט[5-3] אינטערברענגען, אזוי עס איז טאקע דעמאלסט, ידוע אז דעמאלסט איז ארויס געקומען[6] א ספר א ביכעל וואס מען קען נישט אנרופען ספר, און דער פעטער האט עס אוועק גיווארפען און ער האט גיזאגט אז דער וויל אונז פשוט אומברענגען[6-2] דער בעל מחבר, און דער זעלבער בעל מחבר איז איצט גיגאנגען גיארבעט די חדשים לאנג עס איז נישט קיין ספק אז ער האט געוואלט, און דער וואס האט דאס מחבר גיוועזין איז באקאנט מיט דעם מנוול דעם שלום יוד׳ל, איז וועל איך אייך זאגען איך האב[7] נישט געוויסט ביז שבת האב איך נישט געוויסט גוט מען איז גיזעסין די רבנים וועגען גאנצען גיקור אז עס איז דא פראבלעם, עס איז טאקע א ענין וואס מען דארף סאלידען, איך האף מיט׳ן ... הילף, פארוואס ווייל די מנהגים אין אונגרען אליין זענען נישט אייניג גיווען, עס איז נישט אייניג גיווען אין פוילען, פוילען איז אויך נישט אייניג גיווען, נישט אזוי געמאכט אין אוסגריף אין ווערסגריף נישט מיט׳ן רוסיש פוילען, זענען דא צונויף

---

☆ איר ווייסט איך וועל אייך דערציילען איך האב גיהערט פון פעטער ז״ל. אז ווען דער צאנזער זיידע איז נפטר גיווארן. איז דער שינעווער רב כמעט אַ יאהר גיווען רב אין צאנז, אין אשיינעם טאג האט שיניאווער רב מיישב גיווען ער גייט צוריק קיין שינעווע. האט ער גיזאגט ס׳איז גיווען אביסל. מחלוקה איז שוין אביסל נצחון, איך זעה דא חאפט זיך אריין אמעשה וואס ווערט נישט הונדערט פראצענט אמת (השמטנו אריכות הסיפור שהוא למותר שהטע״פ מצוי לכל). המערכת

געקומען אידען פון איבעראל, וואלט דא געדארפט זיין א איינצליכע, מען זאל וויסען, און עס איז טאקע[8] אינדערהיים איז טאקע יא גיווען מנקרים, מען האט גיזעהן מנקרים זאלען האבען א קבלה פון א רב וואס האט זיי פארהערט און ער קען די הלכה און מען האט בודק גיווען דורך א אנדערען, אז ער קען גיט די מלאכה, עס איז ב"ה דא דא מנקרים וואס[8-2] זיי קענען פון דערהיים און זיי האבען סמיכה,[9] אבער מענטשען לעבען דאך נישט אייביג, הלוואי דער ... זאל העלפען זאלען מיר שוין גיין דער גואל צדק זאל קומען, מיר זאלען שוין אוועק גיין, מען קען דאך נישט וויסען מיר מוזען דאך רעכענען ווי לאנג עס וועט אזוי זיין דער ... זאל העלפען עס זאל נישט דויערען לאנג מיר מוזען דאך דענקען פאר יא,[9-2] ביי די שוחטים האב איך פארגיזעהן נאך פאר 10 15 יאהר אז עס וועט קומען מיר וועלען זיך זעהן אן א שוחט האב איך גענומען יונגעלייט גיזעהן זאלען זיך אויס לערנען שחיטה, מען האט גיזעהן צו צוהעלפען עס איז שווער זיך אויסצולערנען עס דויערט לאנג ביז מען קען די בדיקת פנים מען זאל דאס קענען און ב"ה מען האט אהער גישטעלט שוחטים ביז א שיינעם טאג האט דער פעטער אוועק געשטעלט די עלטערע שוחטים עס איז נישט גיווען גארנישט קיין קריזיס, ווייל תיכף איז גיווען יונגע זיי האבען איבער גענומען און מען שעכט קיינער האט גארנישט געוויסט אז עס פעלט עפעס, די זעלבע דארף מען לכאורה טוהן ביי ניקור עס איז דאך א גרויסער ענין[9-3] דאס ניקור מען דארף אהער שטעלען מנקרים יונגעלייט וואס זיי קענען וואס מען זאל זיי באצאלין מקופת הקהל אין זאלין זאך אויס לערנען דאס דארף נישט געדויהרן לאנג דאס לערנען די מלאכה און אזוי וואס דארף צו זיין, מען האט שוין לאנג גירעדט אז מען דארף צו טאהן און מען וועט אי"ה טאהן, איצטער איז אזוי שבת שובה, איז מען געקומען זאגען אז דער קאשויער רב גייט[9-4] געבען א איסור אויפען פלייש, איך האב געוואלט וויסען וואס גייט דא מיט איהם דא פאר, נא! האב איך מיך מיישב גיווען איך האב מיך אזוי געוואונדערט אז מען גייט געבען א איסור אויף פלייש מוז מען דאך עפעס האבען[10] גירעדט סוף כל סוף איז דאך דא דא רבנים אין וויליאמסבורג גאנץ פיינע רבנים פארען הייגטיגען דור עס איז דור דור ודורשיו, עס איז דא רבנים ערליכע אידען עס איז דא אינגעלייט פיינע לומדים תלמידי

חכמים און עס איז דא מיט וועמען דא צו רעדען, ב״ה[11] דער פעטער ז״ל האט דא געוואוינט דא דרייסיג יאהר, חאטשיג ער האט מיר געזאגט אז מען עסט שוין[12] דרייסיג יאהר טריפות, וואלט נישט מעגליך גיווען אויפצושטעלען אזא דור[13] ווען דאס זאל אמת זיין, איך האב פארדעם געזאגט תיכף אז עס דאס איז נישט אמת, עס קען נישט זיין ווי אזוי איז דאס מעגליך דער פעטער האט מסי״נ געהאט[14] פאר שחיטה אז עס זאל זיין ווייל דאס האט ער גיהאלטען אז דאס איז דער יסוד פאר דער ת״ת מוז דאס זיין, האב איך גענומען 2 שלוחים איך האב גענומען דעם דיין מיט ר׳ אברהם׳ן און אריבער געשיקט וואס גייט דא פאר, דער קאשויער האט געזאגט אז ער האט נאר געזאגט פאר זיינע תלמידים ער האט געזאגט פאר׳ן דיין אליין פאר ר׳ מנשה אז ער זאגט נישט אין סאטמער,[15] סאטמער איז בסדר. אבער דאך טוט ער א טובה ער האט ארויס גיגעבען פאר זיינע תלמידים נישט געמאכט גאר נישט פון זיך. נו ! אז ער האט נישט בדעה צו זאגען לכאורה זאגען וואלט גיווען לויט וואס שטעלט זיך ארויס וואלט דאס גיווען איינע פון די ערשטע חיובים גיווען פאר איהם, סוף כל סוף זאגען איז דאך מער ווי, איר ווייסט מען שיקט ארויס, בע״פ קען מען דאך מדייק זיין א זאך פארוואס האב איך דאס און דאס געטאן, ער האט געזאגט ער וויל נישט זאגען אז נישט איז נישט, מוצאי שבת שבת שובה בין איך אהיים געקומען פון שלש סעודות, עס אין גיווען פאר 10 אזייגער, איך האב בעקומען איך גידענק שוין נישט ווער, א צעטל אז ער האט געטראפען חלב דא דאורייתא,[16] אחוריים, עס ווענדט זיך נישט אין די מנהגים פון צלע י״ב וואס עס הייבט זיך נישט אהן, איך בין גיווען זייער איבעראשט אז א איד שרייבט בעיני ראיתי, איך האב אליין גיזעהן, האב איך אריבער געשיקט צו איהם א שליח דעם יצחק גליק פונקט האט ער זיך ביי מיר געפונען גיי און זאג אדרבה איך וויל זעהן וואס איך האב אויך געוואלט וויסען, ער איז צוריק געקומען, אליין פערזענליך ער רעדט נישט מיט קיין שליח, גוט בין איך צוגעגאנגען תיכף צום טלפון איך רופ איהם און זאג איהם איך ליין איהם פאר א צעטעל איר האט אזוי געזאגט, איך האב איהם נישט גיפרעגט לכאו׳ די ערשטע[17] קשיא וואלט געדארפט צו זיין סוף כל סוף איך בין רב אין

סאטמער קהלה[17-2] עס איז ב"ה די גרעסטע קהלה דא יראים ושלמים עסען אלע כשר'ס זיי ווילען עסען כשר'ס אלע,[17-3] עס גייט זיי אן, עס איז דא דער פאפער רב האט א שיינע קהלה דער ווינער רב עס איז ד'א שיינע רבנים[17-4] יונגע זיך גארנישט צו שעמען פאר דיינים איך האב גיקענט דיינים פריער אויך איך בין דאך איך האב שוין ב"ה א ווייסע בארד איך האב גיזעהן דיינים מיר האבען זיך גארנישט צו שעמען מיט אונזערע דיינים מיט ר' יחזקאל'ן מיט ר' מנשה מיט ר' געצל'ן, אזוי ווי[18] אלע דיינים בכל תפוצות ישראל וואס איז געווען פארצייטענס, און אזוי דא דער פאפער רב עס איז דא איבעראל ב"ה ס'איז דא היינט ב"ה, איז די א קשיא האט איהם גיפרעגט ר' מנשה פארוואס האסטו נישט געזאגט האט ער געזאגט א תירוץ ער איז ברוגז מען האט עס איז גיווען[19] זאכען וואס ער האט געזאגט און מען האט עהם נישט געפאלגט האט ער זיך מיישב געווען איז נישט,[20] גייט ער אליין, גוט איך זאג נישט אז דער תירוץ איז געווען מתקבל געווען על הלב איך האב אבער מיך נישט געוואלט גיין קריגען, איך וועל אייך זאגען דעם אמת איך האב נישט געהאלטען אז עס איז דא דערינען אבער מ'זעהט א יוד זאגט ער האט גיזעהן, איך זאגען עד דכדוכו של נפש, איך רוף איהם אן איך זאג איהם הער מיך אויס האסט אזוי געשריבען איך האט געוואלט זעהן אז די האסט[21] געזעהן, איך האב ב"ה אויך[21-2] אויגען איך זאג נישט איך בין א מבין אויף ניקור, איצט בין איך שוין מער מבין לכבוד[22] די מעשה האב איך מיך אביסעל צו געלערנט,[23] עס איז נישט אזא גרויסע תורה אין פראקטיק, איך זאג נישט איך קען שוין מאכען איך זעה שוין, וויל מען דארף צו זוכען האב איך איז דארף מען איך דאכט זיך מיר וועט איך געוואלט זעהן, און איך זאג איהם טאמער[23-2] וועט זיין איך וועל זעהן אז עס איז, איך וויל נאך זעהן פאר יו"כ איך וויל אויסרופען איבעראל עד שידי מגעת מ'זאל נישט עסען אפילו איך וועל זעהן אז עס איז דא א איסור דרבנן איך דארף נישט קיין חלב דאורייתא[23-3] איך דארף האבען א איסור דרבנן א איסור דרבנן קען מען אויך נישט עסען, איך וועל זעהן צו טוהן, הכלל האט ער געזאגט[24] מען קאן נישט, וואס הייסט מען קאן נישט איך גיי איבעראל קאנען זיי קומען צו מיר, האט ער געזאגט אז זיי קענען נישט קומען צו מיר זיי האבען מורא,[25] בין איך שוין געבליבען וואס הייסט

# כדת של תורה

זיי האבען מורא פאר[26] ווען מען האבען זיי מורא דא אין אמעריקע האט מען מורא ער קען נישט ארויס גיין תמיד איך לייגט דיר איין וואס איך האב דאס צוזינג און וואס די ווילסס איך פארשאף דיר געלט א חוץ, איך וויל אויך קענען איך וואלט איך זאג איינגעלייגט אפילו א הונדערט טויזענט דאלער אז דעם מענטש וועט גארבישט פאסירען וואס ער וועט קומען צו מיר איך פארשטיי נישט, זאגט ער מיר א מעשה אז מרש"ק געווען אין בארדיטשוב האט ער באקוקט און מורא געהאט צו זאגען נישט כשר נישט טריפה איך בין מאמין באמונה שלימה אז דעם מרש"ק וואלט מען ווען געהארגעט געווען ווען ער וואלט געזאגט אז עס איז טריפה די קצבים אינדערהיים אין בארדיטשוב פאר 150 יאהר האט מען נישט געקענט מסר'ן[27] ביי די רעגירונג, עס איז פונקט אזוי גיווען ווי עס איז היינט אין רוסלאנד, רוסלאנד זעהט שוין אזוי אויס הונדערטער יארען, דא האסטו מורא איך פארשטיי נישט פאר וואס די האסט מורא נו זיי אידען האבען מורא איך גיי צו זיי איך רופ אפ איך האב געזאגט דעם מאנטעווידיער רב ר' אברהם ער ווייסט ער האט זיך ג'עסק"ט אין ניקור געטוהן אין דעם און דעם דמן מעיגסט גיין מיר וועלן קוקן דער אדווערער ו"ב איז אויך און דעם איך האב אים איבער גישמיסט, געזאגט אזוי דא איז נישט דא קיין חשש אויף ניקור, פוסטע מעשיות וואס גייט דא ארום", עס איז דא מנקרים, קען זיין אז ער זאגט אחוריים אפשר האט מען עפעס צו געלאזט איך האב מיך טאקע דערשראקען וואס קען מען וויסען אז מען שניידט אפ מען מאלט[28] אריין שנייט אריין איך האב שוין גיהערט מעשים בכל יום, געווען איך[29] יוראפ אין דערהיים,[30] אויך מען שנייט צו דער וואס איז עוסק אין פלייש ווייסט דאס מען שנייט דאס אראפ מען זעהט דאס, טאמער האט זיך דאס געטראפען, האב איך געזאגט הער מיך אויס וועל איך דיר עפעס זאגען, איצט איז מוצ"ש מען האט געשאחטען אויף יו"ט פרייטיג,[30-2] א גרויסע שחיטה געווען, איז דא דארט איצט קומט אריין אקסען אזויפיהל הונדערטער אקסען, וואס מען האט געשאחטען, און קעלבער. קען מען גיין קוקען אויב עס טרעפט זיך אזא זאך חלק אחוריים ביי אזא גרויסע שחיטה מוז זיך דאך טרעפען נאך איינס, האט זיך געטראפען, טרעפט זיך ביזטו גערעכט,* [31] ווען סטו זעהן אז דא איז נישטא זעה איך דאך אז

עס האט זיך געטראפען נו! א מילתא דלא שכיח קען מען דאך נישט
ארויס געבען און זאגען אז די האסט געטראפען. ווייסטו וואס זאג איך
איהם, קום עס איז דא צו פארען ממש 5 מינוט, ביזט דא קען מען זעהן
שיק אריבער די קינדער לאמיר קודם דארט גיין קוקען, אז די האסט*2-
[31] מורא, אז נישט גיי איך צו דיר, און ער זאגט מיר אז ער קאן נישט ער
איז נישט קיין מלאך, מען רעט און מען רעט ביז עס איז שוין געווארען
10:45 איך האב זיכער מיט איהם גירעדט א היפשע צייט, און איך זאג
איהם קוק, איז דאס מוצ"ש 10:45 שפעט מוצאי יוהכ"פ עס האנדעלט
זיך ביי אזא זאך די זאגסט אז עס איז חלב אחוריים[32] ער זאגט ער איז
נישט קיין מלאך, האב איך איהם גזאגט הער מיך אויס איך מיז דיר
זאגען איך האב מורא מען האט דיך גפירט דא אין[33] באד אריין, דאס
איז יודי'ל האט דא אינטער געשטעלט, זאגט ער ניין הייבט זיך נישט אן
מיט יודלען, ער ווייסט נישט דערפון, עס איז זיכער נישט גאר נישט,
אזוי איז גיוועזין, האב איך איהם געזאגט קוק אן איך גלייב נישט
דערינען, און די זאגסט האסט אליין מיט דיינע אויגען געזעהן, עס
האבען געווארט ביי מיר פיל מיט מענטשען אין שטוב אין דערויסען
ערב יוהכ"פ ס'איז דאך ערב יו"ט ביי מיר אויך ערב יו"ט איך בי'ן
באריית מיט דיר אריבער צו פארען יעצט ביינאכט און וואס איך האלט
אז עס אין[33-2] נישט, און די זאגסט אז עס איז יא אז איז חלב
דאורייתא, ווי קענסטו אזוי גיין[33-3] שלאפען איך קען נישט גיין
שלאפען, איך ווייס עס קומט דא אידען איך מיז זיי זאגען[33-4] איך האב
איהם געזאגט אויב די ווילסט אויפטוהן ווי האסטו אזא געלעגנהייט
אויפצוטוהן ווי יעצט, איך זאג דיר איך וועל זאגען מארגען פונקט אזוי
ווי די זאגסט טאמער איך וועל זעהן אזוי ווי די זאגסט,[34] וועל איך
זאגן[34-2] אז סד"א וואס זאגן מען זאל נישט עסין. הכלל זאגט ער מיר
ערב[35] יו"כ עסט מען ממילא נישט בשר בהמה ה..... איך האב דאך
געזעהן אז עסאיז ממש אַ ליצנות,[36] וואס הייסט מען עסט נישט קיין
בשר בהמה האב איך איהם געזאגט גוט מען עסט נישט, קודם ביי
שחרית עסט מען יא אין די לעצטע סעודה עסט מען בשר בהמה פונקט
ווי מילכיג'ס, די גאנצע וועלט עסט אין דערפרי מילכיג'ס, און נאכדעם
מוצאי יוכ"פ עסט מען דאך יעדער איינער וואס הייסט דאס עפעס
נישט איצט, איז דאך מוצאי יוכ"פ וועט מען דאך זיכער עסען,*[37]

זאגט ער מיר זיי האבען שוין 30 יאהר גיגעסין*[37-2] קענען זיי ווייטער עסען איך בין געבליבען נבהל ונשתומם איך זאל הערען פון איהם דאס זאגען, עס האט מיר געטאן א שטאך איך האב געוואוסט 30 יאהר און דאס איז 30 יאהר וואס דער[38] פעטער איז דא געוועזען פונקט אזוי פיל. האב איך איהם געזאגט הער מיך אויס די ביסט א תלמיד פון קאשויער רב ר' שאול בראך און איך בין געוועזן 24 שעה ביי איהם אין שטוב די ביסט דאך א וודאי געווען אפאר יאהר איך האב גענומען הורמנא ביי איהם בין איך געוועזען איך בין דארט געשלאפען איך בין דארט געווען איך האב מיט איהם גערעדט אין דברי תורה אין אלע ענינים וואס עס איז געוועזען, ער האט מיר פארציילט פון זיידען ז"ל, האב איך איהם געזאגט שטעלסטו דיר פאר איך בין סאטמער רב איך זאג דיר דא איז דא טויזענטער אידען[39] ווען איך וועל זיי זאגען זאל'ען נישט עסען וועלען זיי נישט עסען, און אז איך וועל זיי נישט זאגען וועלען זיי יא עסען און די געמסט עס אזוי לייכט, דיין רבי וואלט ווען אזוי געטאן, נעם דיין רבי'ן די האסט דאך א רבי'ן געהאט, יעדער מוז דאך עפעס טראכטען וואס וואלט מיין רבי גיווען געטאן, איך טראכט אין דעם גאנג וואס האט דער רבי געטאן, הכלל ער קען נישט נוון מיר[39-3] אויסהאלטען, האט ער געזאגט גוט, ער[40] וועט מיר צוריק רופען ער דארף זיך באראטען עס דאערט נישט לאנג און ער רופט מיך צוריק,[41] היינט ביינאכט איז נישט מעגליך, איך האב זייער געוואלט אמת איך האב נאך דעמאלסט גערענקט אפשר איז עפעס דא, איז דאן א גרויסע מאמן היינט אויף דער נאכט מארגען איז דאך שוין ערב יוכ"פ[42] מען קען דאך עסען ביז מארגען אויך, עס איז ערב יוכ"פ וועל איך שוין נישט וויסען צו זאגען,[42-2] און נאכדעם, האב איך פשוט געפילט אז איך בין אזוי צורודערט אז איך וועל די נאכט[43] נישט קענען שלאפען, אינדערפרי איז דאך ערב יוכ"פ עס ווארט מיר אזא שווערע ארבעט, ווען מען גייט אויף דער נאכט סיי וואס עס פאסירט האב איך דאך בייטאג מנוחה, מער וויינינגער וויפעל מען קען האבען, בקיצור וואס זאל איך טאן ער זאגט נישט ביינאכט גוט,[44] מארגען אינדערפרי, און איך האב געמיינט ליתר שאת איך האב געזעהן איך קען נישט ביי איהם פועל'ן, האב איך מיר מיישב געווען אזוי, איך קען נישט ביי

איהם פועל'ן, איך האב דאך געוואוסט דער ר' מנשה האט דאך מיר געזאגט אז ער איז ברוגז אז[46] מען האט דאך איהם נישט געפאלגט בי'ן איך א בעל חוטא און ער איז ברוגז, אבער דער אודווארי רב דער איז גוט געווען ווייל ער האט דאך אויסגערופען אין שבת שובה אז מען טאר נישט עסען די פלייש, אזוי ווי ער האט געוואלט, ווי קען נאך זיין עפעס א בעסערער מענטש, מען טאר נישט עסען טריפה אזוי ווי ער האט געוואלט, ווי קען נאך זיין א בעסערער מענטש איך האב נישט געוויסט, אין פאפא מען דאך אויסגערופען אז מען מעג יא עסען. האב איך אריבער געגרופען דעם אודווארי רב איך וועל שיקען איהם א שליח זאל ער[47] איהם ווייזען איך בין שוין מוחל פאר מיר, אפשר וועט ער קומען זאגען איך וועל נישט גלייבען הונדערט פארצענט ביז מיינע אויגען זעהן, אבער דער אודווארי קומט אריבער זאגט ער[48] מען קען נישט ביי איהם, ער האט דאך פראבירט שוין ער איז דאך געווען אויפגעקאכט פון פריער נישט מעגליך מען וויל איהם נישט ווייזען, זאג איהם האב איך איהם געזאגט אין מיין נאמען איך[49] וויל האבען מען זאל דיר ווייזען דיר זאלען זיי גיין ווייזען, בשום אופן מיך, נעם מיט טאקע ר' אברהמ'ן איך האב געוואלט ער זאל אויך מיט דיר מיטגיין, טאמער וועט ער לאזען, רוף איהם אפ און בעט זיך צו איהם איך*[50] האב נישט אויסגעהערט וואס ער רעט ער רעט ער רעט ער רעט בינו לבינו איז דאך געווען אידען וואס האבען געווארט, האב איך געזאגט גיי רעד אין די אנדערע[51] שטוב, איך וועל מיך מיט די אידען מתעסק זיין, זיי ווארט אויף די טיר,[52] קומט צוריק מיט גארנישט, נא! גארנישט גארנישט וואס קאן איך שוין טוהן דארף מען גיין שלאפען, איך האב נישט געקענט שלאפען, איך זאג אייך עס איז שוין געווען 3 אזייגער צופרי, קלער איך מיך וואס וועט דא ווערען עס איז דאך ערב יו"כ האב איך געבעטען די רעבעצין זי האט מיר געגעבין א שלאף מיטעל איך האב טאקע איינגעשלאפען 5 בין איך שוין געווען נאך פאר 5 ווייל 55 האט שוין דער שוחט געווען שחטען כפרות, נו איך בין אוועק מיט די האפענונג אז דער[53] ערב יו"כ מילא מען וועט מוזען גיין דארט קוקען דיניריאות,* און איך האב מיך צוגעלייגט שלאפען, האב איך אנגעזאגט די רעבעצין איך בעט דיר ווייסט דאך אז איך בין נישט געשלאפען אבער איך מוז דא זיין טאמער קומט ער אהן איך מוז דא

דיין[54] נישט אנגעקומען, איך בין געגאנגען זייער צוברּאכען צוּנז טיש קוקט וואס דא טוהט זאך דא איך האב שוין דעמאלט געזעהן אז איך האב שוין געזעהן, איך האב געהאט אזא געפיהל פון די גאנצע מעשה, אז מען האט גערעדט מען האט גיגעסין טריפות. האט מען דאך געזעהן נא האט מיר וויי געטוהן די גאנצע מעשה הכלל אזא[55] שנאה האנז איך דערקענט אויפען קאשויער איך וואלט דאס נישט געוועזן געגלייבט, אז די[56] קינדער זענען שונאים האב איך שוין געהערט איך האב מיך נאכגעפרעגט איך האב שוין געהערט אבער זאלען איהן קענען אויך[57] באקומען, אלזא איז דאך נישט געווארען גארנישט יו״כ האב איך שפעקאלירט האב איך זיך מיישב געוועזן אזוי עס איז דא אידען אין ביהמ״ד קע״ה ביי אזא גרויסען עולם גא איך ווייס נישט וויפעל[58] דיי גלייבען יא אין דעם וויפעל נישט, עכ״פ איך האב געזעהן, און ער דאט דאך אליין געזאגט אז ביי[59] אונז איז נישטא ער האט געזאגט פאר׳ען דיין.

וואס גייט דיר אין לעבען סוף כל סוף, האב איך איהם געזאגט,[60] מיך גייט נישט, אייך גייט אן, אייערע תלמידים האט איר געשריבען.

איך קען נישט וויסען אפשר אפשר וועט טאקע זיין אידען וואס[61] ווילען נישט אין סאטמער בוטשער סטאר טוהט זיך, האב איך מיישב געוועזן מען מוז דאך זאגען טאמער וועט זיך טאקע טרעפען צווישען אזויפיהל אידען זיי וועלען נישט עסען[62] פארוואס זאהלען טאקע נישט עסען קיין פלייש מוצאי יו״כ האבען געפאסט א גאנצען טאג אז[63] עס איז נישטא דערין גארנישט, אין דער פאפא רב האט אויסגערופען שבת, האב איך געזאגט דעם דיין רוף אויס — איך האב נישט[64] געוואלט אויסרופען ווי עס איז דא מען האט געקויפט ביי אזא ערליכען בוטשער וואס מען ווייסט אז ער איז מנקר קען מען עסען,[64-2] איך האב נישט געוואלט דאס טאן ווייל איך האב נישט געוואלט עס זאל קלערען אז איך בין איהם אריין געגאנגען[64-3] — ווי דו זאגסט מיר דירעקט געזאגט פארען דיין זאג אז ביי אונז אין בוטשער סטאר איז דא מנקרים אזוי ווי עס איז אמת, און עס איז אלעס כשר וישר, און ער האט אזוי אויסגערופען,[64-4] עס איז געווארען[65] דינסטיג און איך הער נישט גארנישט פון איהם, הכלל איז געגאנגען דער אודווארי רב,[66] ענהם

האט ער דאך געזאגט דינסטיג,[67] האט ער געזאגט ווייל מען האט אויסגערופען אין סאטמער ווייזט ער נישט דינסטיג איז נישטא גארנישט הארגעט׳ס סי גייט נישט, גייט אדורך דינסטיג מיטוואך דאנערשטיג גייט א וואך פאר סוכות, איך בין שוין נישט געווען אזוי דערשראקען, איך האב שוין געזעהן, עס קען דען נישט מעגליך זיין אז עס איז עפעס אמת, דאס מכח ווייל איך האב אויסגערופען, איך האב עס נישט מקבל געווען דעם תירוץ[68] גארנישט, איך האב אנגעהויבען צו[69] טאן אזוי ווי איך האב מיך איבער געקלערט וואס מען קען טאן, אז מען וויל איינפירען, דער ... זאל העלפען, אז זאל זיין דער ענין פון ניקור זאל זיין פונקט אזוי ווי שחיטה און זאל זיין לדורות מיר ולדורות,[71] מען קען דאך נישט וויסען מען מוז דאך אזוי ארבעטען, דער[71-2] פעטער ז״ל, אבער מען דארף זעהן זאל[71-3] נישט זיין אזוי מיז דאס זיין עס מיז טאקע זיין א ניקור זאל זיין אזוי ווי אינדערהיים[72] איז געוועזען, איך זעה דאך עס איז דא אידען זיי האבען פון[73] סאטמער זיי האבען פון[74] פעסט, מען האט אזוי געטאהן, דארף מען זעהן אזוי צו טאהן, און מען וועט אי״ה טאהן און עס וועט זיין, ערב[75] יו״ט איצט פאר ערב יו״ט קומט מיר הלל וויינבערגער, זייער א פרומער איד דער סערדיהעלער רב, און ער ברענגט מיר א בריעף פון קאשוי רב א פארמאכטען בריעף, איך האב נישט בדעה געהאט איבער צו נעמען די בריעף,[76] איך בין שוין נישט נייגעריג, איך האב מיך אזוי געבעטען געוויינט צו איהם ממש בתחנונים[76-2] פאר איהם און עס איז זונטיג עס איז דינסטיג האסט געזאגט וועסט קומען, קומסט נישט פארוואס, איך[77] ווייס נישט פארוואס, דער אודווארי האט מיר געזאגט וועגען דעם ווייל מען האט אויסגערופען, בין איך שולדיג איך מיין, איך האב דאך אויסגערופען די[78] אליין האסט דאך געזאגט אז עס איז כשר,[78-2] און פארדעם גייסטו נישט ווייזען אז עס איז דא רעכטע איסורי דאורייתא איסורי[78-3] כרת, איך האב נאכנישט געהערט אזא צוגאנג איך האב אין מיין לעבען אזאנס נישט געהערט, זאגט[79] ער מיר אז דער קאשוי רב האט חרטה אויף די גאנצע זאך ער זעהט אליין עס איז געווען מפריז מן המדה, זאג גוט זאג ער האט חרטה, וואס איז שייך צו זאגען ער זעהט מען האט איהם פארפירט, איך האב דאך איהם געזאגט, איך נעם איבער דעם בריעף[80] עס איז געווען סמוך ליו״ט האב

# כדת של תורה

איך אויפגעמאכט דעם בריף איך זאל קענען יו"ט זעהן עס איז דא צייט עס איז דאך ממילא יו"ט, ווען איך האב גיעפענט דעם בריף קען איך אייך נישט זאגען עס איז דא אזויפיהל איך ווייס נישט!!! דאס פאפיר איז סובל אסאך אזוי פהיל רשעות[81] איך קען אייך גארנישט זאגען למשל ער שרייבט, ווי האסט דאס! איך וויל נאר יעצט ג"ין 2 סעיפים, איך בין זיכער אז ער האט[82] אינטערגעשריבען דעם בריף ער האט דעם מכתב נישט*[83] געקענט שרייבען. זא מכתב ער שרייבען אפטייפען אויף די מאשין, און דאס איז גשעהן אזוי ס'איז פאר יו"ט, טאקע ממש עס האט דאך א דעט, די בריעף איז געשריבען צו מיר אדרעסירט פאר מיר, זעט די בריעף איז געשריבען פאר מיר און עס איז געשריבען בין כסא לעשור יום ה' דאנערשטיג הייסט ממש א טאג נאר יו"ט. א גאנצען מכתב אפגעשריבען, הייבט ער אן צו דערציילען, הייבט ער אן צו זאגען, איך וויל מיך נישט אריסען דאס עס[84] שטימט נישט די גאנצע מעשה, וואס ער האט מיט מיר אפגערעדט פרייטיג און ער איז נישט געקומען און ער שרייבט טאקע דעם אויף פארוואס ער איז נישט געקומען פארוואס ווייל מען האט אויסגערופען מקהל ייט"ל, שטייט אזוי, דער דיין. ער שרייבט א אינטרעסאנטע מעשה, ער שרייבט אזוי, הגידו לי שביו"כ הוכרז הדיין (פ"מ) דער דיין פרידמאן אין ביהמ"ד קהל ייט"ל במעמד אלפים שהבשר הנמכר במקולין שול קהל ייט"ל בוויליאמסבורג איז כשר בלי פקפוק ונשתוממתי על שמועה זו כי באה מה פי' של הדברים אחר שהסכמנו וכו' עד חידה סתומה, ווי אזוי קענט איר מאכען א חידה סתומה,[85] איר זאגט אליין פארען דיין אז עס איז כשר, זאגט מיר אליין, אז איך האב אויסגערופען איז א חידה סתומה, מען קען נישט פארשטיין, גם העידו לי כמה רבנים אחרים וואס האבען שוין אויסגערופען פרייטיג אז הבשר כשר ובתוכם קהלת יעקב פאפא רב הרה"ג יחזקאל ראטה והרה"ג מדעברעצין, ואני אחד מהם לא קראו אתי לשאול שאלה, קיינער האט איהם נישט געפרעגט הדבר מרפסין איגרא די זאכען, בקיצור ער האט זיך מיישב געוועזן ער איז; פטור אזוי ער שרייבט דאס אויבעט אני את נפשי הצלתי השומע ישמע און פטור אן עסק.

דעמאלס[86] האט נישט ארויסגעגעבען שרייבט ער דעם בריף, דער בריף איז געשריבען[87] פארען גאנצען כלל ישראל, יעדיין אייגעם

חאטש ער הייבט דאך אן מיט מיר, אבער איך האב תיכף די ערשטע שורה פאנגט אן צושרייבען הרה"ג מסאטמאר ער שרייבט מיר פערזענליך, שפעטער איז שוין קלאר אז ער שרייבט אזוי אז עס גייט ארויס פאר די גאנצע וועלט, ע"כ אליכם אישים אקרי רבנים גאונים צדיקים וכו'.

האט[87-2] רחמנות און זייט מודיע אז אלעס אין טריפה, איך מיז אזוי טוהן ווי ער זאגט, חאטש עס איז שווער אבער עסען חלב איז נאך אסאך שווערער, פשוטע זאך, ע"כ זאלט איר זעהן מזרז צו זיין.

יעצט זעהט איר אזוי, שטייט דא 2 זאכען צוויי זאכען, ממש, איך האב נישט, קוקט וועט איר זעהן, ער גיט ארויס דערר בריף איז מובן געווען ארויס צו גיין טאמער איז ער נישט ארויס ע' האט.... דא אהיים אז דער געהערט[88] פאפא רב געשיקט, נישט געשיקט, דער בריף איז נישט ארויס געגאנגען, קען זיין, ער איז נישט ארויס געגאנגען, גרייט איז דער מכתב ארויס צוגיין,[88-2] קוקט אהער ער הייבט אן צושרייבען די סיבות המכשולות קוקט אהער וואס איז די סיבות המכשולות, איך האלט קוקט וואס שטעקט אין דעם בריף,[88-2] דאס איז ממש עוקר זיין אלעס וואס מען האט דא געטוהן, און נישט נאר דא נאר אין די[88-3] גאנצע ווי דער בריף וועט גיין.

דא[88-4] שטייט אזוי ער האט א קשיא לכאו' כל העובר ישתומם איך וכו'.... יכשילו את הרבים, עס איז א גרויסע קשיא! למשל[89] אזא ר' אברהם ווי אזוי קען ער דאס טוהן ואיך אפשר ווי אזוי איז מעגליך שרבנים גאונים וצדיקים, ער זאגט אליין, זאלען נישט ווערן מתקן זיין.... איז דער תירוץ אזוי אז דער מצב פון אידישקייט והסיבות אשרוכו'.... בעלי בתים. בקיצור ער מאכט אזא כל קהל ועדה אז זיי רבנים צדיקים, ער שרייבט גאונים צדיקים, אבער זיי ליגען אונטער די בעלי בתים, און די האבען גארנישט קיין דעה, און זיי שג"ייען ועבען אזוי ווי כעני בפתח אונטערדריקט[90-2] און זיי קענען נישט זאגען וואס זיי ווילען זאגען, עס קען נישט מיינען א יוד אין באסטאן אדער אין לאס אנדזעלעס ווי עס איז, פרעג איך אייך, איך האב נישט גערעדט צו אים, איך וואלט איהם געוואלט פרעגען, ער זאל מיר זאגען, וואס בין איך אזוי אונטערדריקט, ער האט אויך בעלי בתים, היינט זענען ביי מיר געווען 2 בעלי בתים איך הוב זיי געזעהן, הייסט איינער נתנאל

קויפטייל און איינער הייסט אהרן פישער זייער פיינע בעלי בתים, איך ווייס נישט צו איך האב נישט אזוינע פיינע בעלי בתים אמתדיג וואוילע אידען דיביידע אידען, פארוואס דריקען איהם נישט די בעלי בתים און מיינע בעלי בתים דריקען מיר, קען איך זאגען, איך האב נישט קיין שום עול, איך דארף איהם נישט, ער ווייסט דאס אויך דער פאפא רב ליגט עפעס אונטער א דרוק, פון וועמען ווער דריקט דעם פאפא רב, אז ער קען נישט זאגען, וואס א שקר איז דאס און וואס פאר א מין רכילות ארונטערצולייגען דעם גאנצען כבוד פון די רבנים וואס זענען דאס געבליבען, עס איז דא אפאר רבנים, וואס הייסט[92] ווער איז אונטערדריקט, איך ווייס נישט צו די רבנים זענען געווען אזוי פריי, סוף כל סוף[93] אינדערהיים האט דער רב געלעבט פון דעם געהאלט וואס מען האט איהם גיגעבען, דער[93-2] ראש הקהל איז געווען א תקיף איך דארף אייך נישט זאגען, יעדער ווייס ווי אזוי עס איז געווען, דא[94] איך לעב עפעס,[95] ער גיט מיר געהאלט,[95-2] פרעגט ר' סנדר צו איך לעב פון זיין געהאלט, דער פאפא רב ליגט אונטער א דרוק, דער וויער רב ליגט אונטער א דרוק, מיר ווייסען אז די אלע קהלות האלטען די רבנים אויף די רבנים האלטען אויף איך זאג נישט אז איך האב אזוינע ברייטע פלייצעס פארשטייט זיך אז לאמיך אוועק פארען וועטס איר זעהן וועט איר זעהן איך מאך מיך נישט שטאלץ פאר אייך אבער איר ווייסט אליין וויפיל איך טוה פאר קהל א גאנצען טאג און קהל ט"ט פאר מיר איך בין אונטער־אונטער קהל איך ווייס נישט ווי ער קען אזאנס זאגען, און אזוי זעהט אויס דער פאפא רב און ווינער רב ממש יעדע רב יעדער רב, אפילו קלענערער רב לעבט אויך נישט פונם בעל בית, אפילו דער וואס לעבט פון די מלוה מלכה קומען צונויף אידען יעדער גוט א צענער א צוואנציגער, וואס האט ער צו וועלכען בעל בית פרעגט ער, עס איז קיינמאל נישט געווען רבנים אזוי פריי ווי זענען דא, א שקר מוחלט,[97] דער ציל איז נאר מען זעהט דא א רשעות[98] ער וויל פשוט ארונטער רייסען דעם גאנצען אופן פון די רבנים מען זאל ווייסען אז עס איז גארנישט דא, איך קען אייך גארנישט זאגען וואס איז דאס, עס איז ב"ה דא א אמת די אלע קהלות האבען אזוי סיי פאפא סיי ווי' סיי למשל ר הערשעלע ספינקער סיי ויזניץ, איך ווייס נישט ווער אלענ שטייט אין דעם זכות וואס דער פעטער ז"ל האט דא געמאכט יסודות.

אויפגעשטעלט און אלעס איז דא קהלות און ער האט געזעהן די קהלות ארגאנאזירען א התאחדות הרבנים און עס איז דא פיינע רבנים מען האט שוין אויפגעשטעלט היינט יונגע רבנים לומדים, און שטייען קיינער נישט, לאמיר זעהן אפילו די יונגע רבנים איך קוק אן די יונגע וואס קומען צו מיר ער ליגט[99] עפעס אינטער א דרוק וועד דריקט איהם, אויסער ער שרייבט, דא ליגט דא דער פוינט דער אייבערשטער אפהיטען וואס ער שרייבט דא ער שרייבט, אז אין די בוטשער סטאר האבען געזאגט מילא מען האט דאך פארקויפט חלב עס איז נישט דא וואס צו רעדען ווי קומט דאס מען האט ארויס געגעבען אה באפעהל די ראשי הקהלה עד שרייבט נישט וועלכע קהלה איך פארשטיי[100] וועלכע קהלה ער האט געמיינט, נישט קיין חילוק האט ער דאס געמיינט סאטמאר קהלה צעהלים קהלה פאפא קהלה ווינער קהלה עס איז א רשעות גמור צו זאגען אז די ראשי הקהלה האבען געהייסען צושניידען די שטיקלעך מען זאל נישט פארקויפען קיין גרויס שטיקעל למען השם פאר קיינעם, ווייל טאמער וועט זיין א גרויס שטיקעל וועט מען דערקענען אז עס איז דא חלב אבער אז מען וועט דאס צושניידען אויף פיצלעך וועט מען דאך נישט דערקענען דאס איז ארויס געגאנגען באפעהל פאר די בוטשער סטארס, וואס איז דאס ! ! ! וואס איז דאס די אידען די אלע ראשי הקהלה איך וועל רעדען פון אונזער קהלה ר׳ לייבוש לעפקאוויטש איז דאס אויסען, היעלה על הדעת צו ר׳ סענדער ר׳ שלמה זלמן, צו יונה וויטריאל און די אלע אידען, איך האב געפרעגט די 2 קאשויער אידען וואס זענען געווען ביי מיר, געווען זיינע מענטשען, וויסטו וואס דא איז, קוק, א מענטש שעמט זיך נישט צו שרייבען משל דאס אויס, אז עס איז דא איינע פון די קהילות דא, אז ראשי הקהלה דארט ווי אידען ארבעטען מיט מסי״נ און די זעלבע מענטשען, וואס איך[102] האב שוין געזאגט אמאל דעם קאשוי רב די[103] אלע ראשי הקהלה דער לייבוש מיט ר׳ סענדער מיט די אלע אידען, איך קען נישט אויסרעכענען, וואס זענען דא, אלע האט דער פעטער ז״ל, איך האב נישט צו געשטעלט איך[103-2] האב נישט מוסיף געווען איך האב נישט גורע געווען, און איך האב נישט מוסיף געווען און נישט גורע געווען ביי קיין שום מוסד נישט ביי די מיידלעך נישט ביי די יונגלעך, איך האב געוויסט אז דער פעטער האט געהאט סייעתא

דשמיא מיט די מענטשען האט ער געארבעט איך האב דאס אמאל געזאגט פארן קאשוער רב דעי מענטשע הא דער פעטער האט אויפגעטוהן דא גדולות ונצורות זאגסטו דאך אליין אויך דו זעדסט דאך וואס ער האט דא געטוהן אליין, וועט ער דאס נישט געקענט עס איז נישט מעגליך אין מלך בלא עם ער האט געהאט די מענטשען נויט די מענטשען האט ער געארבעט ב"ה זיי לעבען אלע זיי טוען ווייטער די ארבעט מיט שווער. און מען האט זיך נישט צו שעמען וואס מען האט געטוהן, גייען מיר איצטערט ב"ה מחדש איך האלט יעצט באנייען דא א ת"ת וואס קאסט 3,000,000 דאלער אידען האבען דאס צונויף געלייגט געלט און לאט זיך זאגען, גוים פלאשן עמי הארץ קומען קוקען קרית יואל וואס מען האט אויף געטאן, אוודאי איז דינער פעטער ז"ל געוועהן דער כח וואס האט דאס געמאכט, אבער סוף כל סוף ער האט דאך נישט אליין געמאכט, יונגה האט געבאהט די מתיבתא מיט די ת"ת אידען האבען דאס צוגעלייגט די הענט, און יעדער האט געוויסט אז דער כח גייט מיט כח פון פעטער זי"ע וואס האט דאס געטאן, ווי קען מען ארויס גיין דער פעדער זאל דאס אראפ שרייבען, דא צווישען יוה"כ און סוכות אראפ שרייבען אז דא זידען זיי ממש און זיי ווילען מאכיל זיין עס גייט זיי אין לעבען, די אידען האבען געזאגט זיי קענען עס נישט פארשטיין איך האב זיי געזאגט איך פארשטיי עס אבער יא, איך האב אייך אנגעהויבען צו פארציילען די מעשה מיט'ן שיניאווער רב ז"ל אז דער שיניאווער רב האט מורא געהאט פאר איין פיצעל, אבער דא איז לויטער שקר[105] און לויטער רשעות אזא רשעות וואס זיי ווילען[106] אונז "עוקר מן השורש זיין" איז נישט קיין וואונדער, דער קאשוי רב איז ארום גערינגלט,[106] די קינדער זענען שונאים גמורים, מען ווייסט דאס, אזוי ווי דער פעטער האט דעמאלסט געזאגט,[107] זיי האבען געמיינט עס וועט קומען די צייט, ער האט זיך ארויס געכאפט 30 יאהר איצטער האב איך שוין געהערט ער זאגט 3 יאהר פארשטייט זיך פארוואס עס איז געוועהן די 30 און פארוואס עס איז געוועהן די 3 עס איז די זעלבע זאך,

הייגו טעמא דשופר היינו טעמא דמגילה.[108]

און דאס איז עס, זיי ווילען אונז עוקר זיין, זיי ווילען אונז פשוט אויסרייסען, דאס איז ענין וואס איך האב דאס געוואלט זאגען, איך

מיין פארוואס האב איך דאס געהאלטען, ווען ער שרייבט נישט דעם בריף ווען איך באקום נישט דעם בריף, און ווען ער קומט נישט אפילו אה קעיר האב איך געקלערט עס וועט אנגיין,[109] איך וואלט נישט געהאט אויף איהם קיין שווער הארץ, אע, גיט, איך זעה ער איז געכאפט, אבער[109-2] אז ער קען זיך איבערגעבען און אינטערשרייבען זיין חתימה אויף אזא בריף ווי איז אזוי פיהל רשעות דא דער[109-3] תכלית איז פשוט אונז עוקר מן השורש צו זיין, האב איך געהאלטען אז איך דארף יא מודיע זיין דעם עולם פאדרוואסזשעט — ווייל דער כלל איז,[109-4] אונז האמיר זיך ב"ה, וואס זאל מיר טאן דער פעטער האט אונז איבער געלאזט, און ער האט געוויסט בחייו די אלע מחריבי הדעת[110] הדת זענען געווען אים שונאים און עס איז געבלבען פונקט אזוי, און איך זעה ב"ה אז אונז גייען מיר אויפען גוטען וועג, אזוי ווי דער טששנובער ז"ל*[111] האט געזאגט אויב ער זעהט ווייסט ער, אויב די אלע שונאים זענען געווען שונאים פארען פעטער,[112] האבען אונז פיינט, דעמאלסט איז אונז וואויל און לעכטיג, צרות וועט זיין אויב זיי וועלען אונז אנהויבען ליעב צו האבען, און איך בין מוחל זאלען די אלע שונאים וואס זענען גיווען זאלען זיך האלטען דערביי.

און איך וויל נישט, איז אזוי איך האף עס וועט זיין בסדר[113] מיט אלע רבנים, וועט דער קאשויער וועלען,[114] היינט אזוי ווי עס איז נולד געווארען, אז איך וויל רעדען דא פארען עולם איך האב באקומען דעם בריעף, דאס האט מיר גורם געווען, איך האב גיזעהן איך קען איך קען עס נישט, איך האב אריין געטראכט איך בין זיכער אז דער פעטער ז"ל[115] ווען ער באקומט אזא בריעף וואלט ער נישט געשוויגען בשום אופן, זיכער נישט קיין ספק צו וואלט ער אליין געזאגט צו וואלט ער געהייסען קען זיין איך מיין, אזא זאך האט נישט פאסירט אין זיינע צייטען, אז איז ארויס אזא איד ווי דער קאשויער רב זאל שרייבען אזא א בריעף מיט אזא אזאנס איך בין זיכער ער וועט, ער וועט נישט אז ער האט רעגירט אזוי שארף אויף דעם קליינעם ביכעל, וואס דאס איז גארנישט וואס איז ממש א קיקיון דיונה, וואס וואס איז דאס געגען אזא דאס אראפ צו שרייבען, איך דענק ער וואלט נישט פארשוויגען, און וועגען דעם האלט איך אז איך טאר נישט פארשווייגען, אסאך אירע האבען מיעץ געווען, עס וועט גוט זיין אזוי עס איז גוט, אייביג

איז גוט אז מען גייט מיטען אמת,[116] אז מען שטעלט פאר די זאך ווי עס איז. מען דארף צו וויסען ביי די אומות העולם איז א כלל גדול איינ׳ס פון די[117] מיר זענען אין די מלחמה וואס זאל מיר טאן. און נישט אין לבנון זענען מיר אין מלחמה, אבער מיט די אלע... זענען מיר אין מלחמה א כלל איז ביי די מלחמה אז מען דארף קענען דעם שונא, איר ווייסט אזוי ! ווארט אזוי !, איך בין נישט געגאנגען קיינמאל אין עקדעמישא[118] שול ווי מען שלאגט זיך, אבער דאס איז א כלל גדול איינס פון די טיכטיגסטע זאכען איז צו קענען שטיין בקשרי המלוומה מען מיז וויסען ווער איז דער[118-2] שונא, אז מען ווייסט, די צרה איז אז מען ווייסט נישט, איך זעה ווער דער שונא איז, און דאס דארף יעדער איינער וויסען ווער דער שונא[119] איז דאס דארף מען אונז אלע צו וויסען דאס איז דער תכלית מיר זאלען חלילה נישט אריין פאלען[120] מיר זאלען קענען אנגיין מיט די ארבעט וואס דער פעטער ז״ל האט מייסד געווען וואס ער האט אונז געגעבען אונזער ת״ת אונזער מיידעל שול מיר זאלען קענען מגדל זיין די קינדער אין עס זאל זיין ווייטער אינגעלייט וואס פירען זיך אודאי איז דא בעסער, איר וועט הערען שפעטער איך וויל אייך זאגען אז עס נישט אזוי שטארק גוט אלע יעדער איינער איך וויים נישט ווער אבער מען דארף דאס צו זאגען, יא... איך האב מיך דערמאנט א וויכטיגע זאך בקיצור, איינ׳ס פון די יסודות ווי מען זעהט ווי ווייט דאס רשעות[121] איז איז קוקט אהער שוין אפאר וואכען„ צו חדשים האבען זיך עוסק גיוועזען מיילא, ער שרייבט דא, דאס איז אויך אזא מין שקר[122] דער ... זאל אפהיטען וואס ער שרייבט אז מען האט זיך צוגויף גענומען אלע משגיחים די התאחדות הרבנים האט צונויף גערופען, דער תכלית איז גיווען מען זאל מעלים[123] זיין פון די גאנצע רחמנא יצילנו, איך זאג אזויפיל לשון הרע אין רכילות, אין שקרים, אבער פונקט איז ביי מיר גיוועזען אפא־רבנים וואס זענען דארט גיוועזען וואס זענען דארט געוועזען, און זאגען אז מען האט געארבעט מיט׳ן גאנצען, דער תכלית איז געוועזען צוגויף צורופען אלע מנקרים צו זעהן וואס זיי טוהן איך האב איין פריער געזאגט אז דער פלאן איז אונז מיז מיר זיך דא שאפען איין איינצליכען פלאן,[124] מען קען נישט טוהן איינער וועט זאגען אין פרעשבורג האט מען אזוי געטאן אין מונקאשט האט מען אזוי געטאן,

